מהנעשה והנשמע

# בחצר הקודש

גליון שבועי פנימי לקהל אנ"ש חסידי סקווירא

פרשת מטות מסעי
תש"פ

גליון לט
שנה כז

## בתוכן

~ שיחות קודש ~

עם כ"ק האדמו"ר מסאדיגורה................. א

~ בקודש פנימה ~

ביקורי אדמורי"ם ורבנים ........................ יט

~ בחצרות קדשינו ~

מהנעשה והנשמע בבית סקווירא........... יט

שבת שניה במאליבו / שבעים שיעורי יו"ד ע"י רבני בית ההוראה לקבוצות אברכים דפה / סיום הש"ס ע"י הרש"ד ברא"צ טווערסקי

פתחו שערים ויבוא צדיק ונשגב

בשיר ושבח לה' ובשמחה עילאה תרננה שפתינו לקדם בברכה שלימה את פני עטרת ראשנו ונזר תפארתנו

**כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א**

**בשובו לחיים לשמחה ולשלום ממסע הקודש לקאליפורניה למשך שבועיים וחצי של מנוחה**

יהא רעוא שיתחדש כנשר נעוריו וקוי ה' יחליפו כח ורוב אונים ביתר שאת ועוז, ויזכה כ"ק רבינו שליט"א לרוות רוב נחת ותענוג דקדושה מעדת צאן מרעיתו מתוך הרחבת הדעת ובריות גופא ונהורא מעליא למען יאריך ימים על ממלכתו בקרב ישראל.

**✵ תוכן השיחה בביקורו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אצל כ"ק האדמו"ר מסאדיגורה שליט"א באכסנייתו בלאס אנדזשעלעס, ביום שלישי פרשת פינחס העעל"ט:**

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ברוכים הבאים בשם ה'.

**אדמו"ר שליט"א:** ב"ה מ'זעהט זיך, דער אייבירשטער זאל העלפן ס'זאל זיין געזונטערהייט אי"ה.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'האב געהערט אז דער רבי וויל נישט זיצן צי נאנט וועגן דער מצב היינט. איך, וואס דער רבי זאגט בין איך גרייט צו טוהן...

**אדמו"ר שליט"א:** כ'בין געקומען לתקוני שדרתיך ולא לעוותי (כתובות פה.)...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז ביי מיר זייער בחשיבות. כ'וויס אז דער רבי איז געקומען אהער זיך אפצורוען, נישט זיך באלעסטיגן מיט אזעלכע עניינים.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז נישט קיין באלעסטיגן. אז מ'הערט גוטע בשורות איז עס נישט קיין באלעסטיגן, נאר פארקערט.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז נישט געווען אזא לייכטע תקופה, אבער ב"ה בסיעתא דשמיא זאל מען גיין מחיל אל חיל.

**<u>פלאי ליל הסדר בבית החולים</u>**

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט אויך געהאט דעם עסק, דעם ווירוס?

**האדמו"ר מסאדיגורה:** יא יא, און כ'האב געזעהן ממש



חסדים מגולים! ווייל על פי דרך הטבע מיט די מחלה ל"ע, איז עס גארנישט אזוי פשוט.

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע ז"ל האט אמאל געזאגט: "בדרך הטבע? וואספארא שייכות האט א איד צו טבע? אידן זענען אסאך העכער פון טבע"..!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'וויל פארציילן פאר'ן רבי'ן וואס כ'האב געהאט פסח דאס יאר. כ'בין דאך ליידער דא געבליבן אויף קיינעם נישט געזאגט, ס'איז א שיינע אכסניה [בבית הרה"ג ר' שמואל בנימין איינהארן שי' חתן הנדיב המרומם מוה"ר בערל ווייס שי'] אבער נאר אויף בעסערע אופנים. ערב יו"ט איז געווען ביי מיר 'על משכבי בלילות', כ'האב מיך נישט געקענט רירן ל"ע ממש אזויווי א מענטש איז חלילה פאראלעזירט ר"ל. זעהט אויס אלס די חוט השדרה וכו'. כ'האב נישט געמאכט קיין שריפת חמץ און גארנישט, און כ'האב נישט געוואוסט וואס כ'טו דא. כ'האב געזאגט דעם אייבירשטן: כ'בעהט דיך, כ'ווייס נישט וואס מ'טוהט.

זענען פלוצלינג אריינגעקומען אמבולאנס מענטשן און מיט כח האבן זיי מיר געגיבן א הייב אויף דעם קערפער און אוועקגעפירט אין שפיטאל. דער חלק אליין איז דאך נישט אזוי איינגענעם, מ'וואלט דאך געקענט חלילה שעדיגן דעם חוט השדרה, אבער כ'האב געזעהן קלאר פון הימל אז מ'האט געהיטן און ב"ה ס'האט מיר נישט געשאדט.

**אדמו"ר שליט"א:** אלע אנדערע זאכן וואס מ'באוועגט זענען דאך תלוי אינעם חוט השדרה.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אבער פסח ביינאכט האב איך געהאט א דבר פלא. כ'האב דא א זוהן וואס איז מיט מיר ממש על יד ימיני יום ולילה און לילה ויום לא ישבותו, ער הייסט 'אליקים געציל' נאכ'ן שווער'ס שווער [הנדיב המרומם הרה"ח ר' געציל בערגער ע"ה רה"ק סאטמאר בלאנדאן, חמיו של הנדיב המרומם הרה"ח ר' חיים משה פעלדמאן שליט"א רה"ק וויז'ניץ בלאנדאן]. ער איז געווען ממש אזויווי א מלאך געשיקט פון הימל.

**אדמו"ר שליט"א:** דאס איז מסתמא נאר 'מקצת שבחו' [בפניו]...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** וויל איך פארציילן דעם סיפור, ס'איז ממש א דבר נורא. היינט ליידער ווען מ'קומט אין שפיטאל שיקט מען קודם אריין אין 'עמוירדזשענסי רום', און דארט גייט מען דורך אזעלכע טלטולים און טלטולים פון יסורים ל"ע.

**אדמו"ר שליט"א** נאנח מעומק לבו הטהור: די וואס זענען אין ניו יארק מיינען אז אויסער ניו יארק איז בעסער... דארט איז ליידער געווען פחדים!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** מסתמא איז דאהי בעסער ווי דארט. על כל פנים איז שוין געווען נאנט צו ווערן דמדומי לילה, ממילא אז כ'ליג אין עמוירדזשענסי רום, און כ'רעד שוין נישט פון שריפת חמץ, אבער וואס וועט זיין דא מיט יו"ט? מיט מצה און ד' כוסות?

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט כאטש אריינגעלאזט עמיצן?

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז געווען פארמאכט, מ'לאזט נישט אריין קיינעם! מ'האט יעדעם מסלק געווען, אפילו די רביצין האט מען אויך געהייסן: ארויס!

**אדמו"ר שליט"א:** דאס איז א גלות בתוך גלות.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אבער דא האב איך געהאט אז פלוצלינג קומט אהן א איד מיט א גרויסע ווייסע קיטל, מיט ד' כוסות און מצות! פלוצלינג איז ער דא... [והראה על בנו הרה"צ ר' אליקים געציל הנ"ל:] דער איד איז דא... און ער נעמט ארויס פון קעשענע א קליין פלעשאלע וויין און מצות, און אלעס וואס מ'דארף פאר'ן סדר. ממש פון הימל געווען!

ס'איז געקומען פיר אזייגער פארטאגס און פלוצלינג נעמען זיי אהן א שינוי פונקט פארקערט: מ'האט מיך אראפגענומען צו מאכן סקען'ס מיט די אלע זאכן, און דארט האבן זיי אנטדעקט אז ס'איז אינעם חוט השדרה ל"ע. אבער על כל פנים כ'האב געזעהן דא ממש די "אבות הקדושים". ס'איז נישט קיין ספק! ופנה לבנו הרה"צ הנ"ל: וואס איז געווען? פארוואס האבן זיי דיך אריינגעלאזט?

**בנו הרה"צ ר' אליקים געציל פרידמאן:** א גאנצן טאג האבן זיי מיך נישט אריינגעלאזט, פונקט פארקערט. נאר דעמאלס זענען זיי ארויסגעקומען מיך אריינצוברענגען! און דער וואס האט מיר אריינגעלאזט האט נאך געזאגט: 'שיהיה לך חג שמח'...

**אדמו"ר שליט"א:** אז דער אייבירשטער העלפט איז דאך נישט קיין קשיא פארוואס, אבער בכלל: איהר זאגט דאך אז די אבות הקדושים האבן געטוהן, איז דאך זיכער געווען גוט.

ס'איז אינטערעסאנט אז דער מאור עינים (צו ברענגט אויך, אז פסח איז די "חיות פון א גאנץ יאר". ער זאגט אז פסח איז חסד 'דרועא ימינא' און פון פסח איז מען ממשיך "חסדים אויף א גאנץ יאר". נו, אויב מ'איז

פון דעמאלס ממשיך חסדים אויף א גאנץ יאר, דארף דאך פסח אליין זיין 'טופח על מנת להטפיח'..!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל האבן סיעתא דשמיא, כן עוד נחזה אי"ה. באמת די השלמה פון די ז' ימי חג הפסח איז דאך אויך אויף חסד [ספירת שבוע של 'חסד'].

אבער כ'האב געזעהן ווי ווייט די חסדים זענען, אז פון פיר אזייגער פארטאגס ביז מ'האט מיך ארויסגעלאזט פון דעם שפיטאל, האבן מיר נישט געקענט זעהן קיין מענטש פאר די אויגן! מ'האט נישט אריינגעלאזט קיין קינד און מ'האט נישט אריינגעלאזט גארנישט!

**אדמו"ר שליט"א:** אפילו ווען מ'איז שוין געווען אין א שטוב?

**האדמו"ר מסאדיגורה:** יא. כ'האב געזאגט פאר די קינדער זיי זאלן וויסן א מוסר השכל: כ'בין געווען אין UCLA. [**אד"ש:** דאס איז א גרויסע שפיטאל], און דארט האט מען געגיבן עסן מיט די השגחה פון עפעס א ראביי און יענער איז נעבעך א רעפארמער. נאר אין אמעריקא קען זיין אזא זאך... מ'האט מיר שוין געברענגט א פעקל און כ'האב געמיינט: אה, כ'בין גליקליך! כ'נעם ארויס דאס פעקל און כ'האב דאס גלייך מצניע געווען... ס'געווען דארט חמץ ר"ל! אנשטאט מצות האבן זיי געשיקט 'קרעקערס' און ס'איז אויך נישט געווען כשר לפסח...

**אדמו"ר שליט"א:** 'שבכל הלילות אנו אוכלים חמ"ץ ומצה', ווייזט אויס זיי האבן געמיינט אז 'הלילה הזה' מעג מען אויך 'חמץ ומצה'...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'האב געזאגט פאר די קינדער נעכטן, איהר זאלט וויסן זיין אז כל זמן כ'בין געווען פארמאכט אין דעם 'טורמע' דארט, האב איך געהאט צוויי מאכלים וואס כ'האב געקענט עסן. איינס איז א מאכל וואס כ'האב נישט געגעסן זינט כ'האב געהאט דעם אפעראציע וכו': מאראנצן. דאס איז נישט קיין ספק אז ס'איז כשר לפסח, ס'האט נאך געהאט די שאלאכץ. אין דעם פעקל איז אויך געווען אזעלכע קארטאנען פון מיץ ענבים וואס מ'פארקויפט פאר קליינע קינדער. דאס האב איך געהאט א גאנץ יו"ט, אויף דעם האב איך געמאכט קידוש און הבדלה, און אויף די מאראנצן האב איך געמאכט א 'בורא פרי העץ'...

ס'נישט געווען צו וועמען צו רעדן. כ'האב זיי געבעטן: "קענט איהר מיר שיקן איינער פון מיינע קינדער?", אבער בשום אופן נישט: "ניין, ס'איז 'קאוביד'!"... אבער ב"ה חול המועד בין איך צוריק ארויס 'מאפילה לאור גדול'.

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט דאך געזאגט ביים סדר אזוי: "הוציאנו וכו' מאפילה לאור גדול ומשעבוד לגאולה".

## קידושי קטן

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז דא א תשובה אין שו"ת נודע ביהודה (מהדו"ת אה"ע סוס"י נד) וואס איז בעצם א תשובה אויף אן הנהגה פונעם הייליגן רוז'ינער זי"ע. וואס איז די תשובה? ווען דער הייליגער רוז'ינער זי"ע האט חתונה געהאט איז ער נאך געווען א קטן. פונוואנעט ווייס איך? ווייל אפאר יאר צוריק האט מען פארקויפט א 'כתובה' וואס מ'האט געשריבן פאר'ן הייליגן רוז'ינער נאך אלס קטן.

**אדמו"ר שליט"א:** אויב ער האט חתונה געהאט אלס קטן, האט מען געדארפט שרייבן א כתובה אלס קטן. זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע וואס איז דאך געווען אן איידעם ביים רוז'ינער זי"ע, ער האט אויך חתונה געהאט פאר די בר מצוה. כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל אז ער האט אנגעטוהן א טלית א האלבע יאר פאר די תפלין... דאס איז געווען ביים ערשטן זיווג ווען ער איז געווארן אן איידעם ביי הרה"ק רבי דן ראדווילער זי"ע.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** דאס איז איינע פון די פלאימ'דיגע זאכן. אין נודע ביהודה גייט ער אריין באריכות [בתשובה הנ"ל] צי די קידושין איז תופס צי ס'איז נישט תופס, ווייל א קטן קען נאכנישט מקדש זיין יעו"ש. ער דערמאנט נישט אזוי די גמרא אבער די כוונה איז דאך די גמרא (קידושין נ:) הכל יודעין שאין קידושי קטן כלום. כ'האב עס אביסל דורכגעטוהן אפאר טאג און ס'שטערט מיך אסאך, אז מ'קוקט אין שו"ע (אה"ע מג, א) איז עס ממש מרפסין איגרא... ס'איז מיר א פלא און דעריבער האב איך געוואלט פרעגן דעם רבי'ן פון וואו קומט דאס, אפשר האט דער רבי געהערט א כוונה וואס ס'געווען?

**אדמו"ר שליט"א:** ס'דא וואס זאגן (שו"ת מהרי"ק סי' לב, ב"ח אה"ע סי' א) אז אויב דער פאטער מאכט איהם חתונה איז עס יא שטארקער. ס'זענען דא טעמים על פי הלכה אויך[א], אבער חוץ דעם "להלכה" איז דאך א

---

א. ראה שו"ת נודע ביהודה תניינא (אה"ע סי' נב) שדן בזה בארוכה בכמה תשובות, וז"ל בא"ד: "ואם אין אתה אומר כן, אתה עושה הרבה נשים תחת בעליהן במדינת פולין שדרים כל ימיהם בלי קידושין, **דבמדינת פולין שכיחי מאד קידושי קטן** ומעולם לא שמענו ששום

'מעשה רב' שטארקער ווי 'הלכה'... אפילו אמאל ווען מ'גיבט זיך נישט קיין עצה על פי הלכה, אויב ברענגט מען אז ס'איז 'מעשה רב' איז די שאלה פארטיג.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אונז זענען דאך אייניקלעך פון רבי דן ראדווילער זי"ע, דורך הרה"ק רבי שלום יוסף זי"ע [בנו בכורו של הרה"ק מרוזין זי"ע] וואס איז געווען אן איידעם ביי איהם. אונז ווייסן פון רבי שלום יוסף אבער ס'דא נאך וועגן וויאזוי אונז זענען אייניקלעך.

## האגרות משה ותפלין דר"ת

כ'האב געזאגט נאך א כלל פאר די קינדער, אז וואו כ'האב געפאלגט מיין טאטן [כ"ק האדמו"ר העקבי אבירים מסאדיגורה] זי"ע ועכ"י, האב איך מצליח געווען, און וואו כ'האב געמיינט אז כ'פארשטיי בעסער און כ'האב געטוהן מיינס, איז נישט געווען אזוי...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ר' בערל [ווייס שי' חותנו של בעל האכסניה] האט דאך געהאט א שייכות מיט הג"ר שרגא פייוול מנדלוביץ זצ"ל, אבער אויך מיט הג"ר משה פיינשטיין זצ"ל. איך נאש אביסל פון איהם דא...

**אדמו"ר שליט"א:** ונתנ"ו גייט אהין און צוריק, אויב מ'נאשט איז ער אויך מקבל עפעס פון דעם...

והראה רבינו על בנו בכורו הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א: ער, מיין זוהן, האט צו די בר מצוה באקומען פון רבי משה פיינשטיין זצ"ל זיין ספר, נישט די שו"ת אגרות משה נאר 'דברות משה' אויף די מסכתות.

[**האדמו"ר מסאדיגורה:** ער האט דאס געהאלטן חשוב'ער ווי זיינע תשובות]. און ער האט געשריבן די הקדשה אינעווייניג אינגאנצן מיט זיין כתב יד, און ער שרייבט דארט איין חלק אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל וואקסן בתורה "ובחסידות"..!

**הרה"צ רבי אהרן מענדיל:** און ער שרייבט "ידידי" אויף מיין טאטן שליט"א.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ער איז נישט געווען קיין מתנגד...

**אדמו"ר שליט"א:** ניין, אינגאנצן נישט[ב].

---

אחד אחר שהגדיל קידש מחדש או שהיה מיחד עדי יחוד לזה אחר שהגדיל וכו', ואיך שתקו כל חכמי הדורות במדינה ההיא אשר מעולם אנשי שם גדולי הדור, **ואנו רואים שגם הגדולים שם עצמם משיאים בניהם קודם לפרקן ונשארים כך כל ימיהם**. אלא ודאי הוא הדבר אשר דברתי כיון שמתחילה הוא נושא אותה להישאר עמה כל ימיהם הרי הוא עצמו התנאי שיחולו לאחר שיגדיל".

ועו"ע נובי"ת שם (אה"ע סי' נד בסופו): "ועל דבר מנהגי מדינת פולין בנישואי הבנים קודם שנעשו בר מצוה - **בימי נעוריי היה זה מנהג פשוט שבשנת י"ג עשו נישואים ומעולם לא שמענו שלאחר החתונה יקדש שנית או יעשו שום רושם לקידושין חדשים, ואחי הגדול הרב הגדול מוה' יוסף ז"ל היה חתונתו עם בת הגאון אבד"ק אוסטרהא בחודש שבט חצי חודש והוא נעשה בר מצוה אח"כ כ"ב אדר, והגאון מו"ה יוקל עשה חתונת בנו גיסי הגאון מוהר"ר מניס ז"ל ג"כ קודם הבר מצוה ומעולם לא עלה על לב לקדש שנית. הכי ח"ו כל אלה שגו והיו כל ימיהם עם נשותיהם בלי חופה וקידושין, אלא ודאי שכיון שעל מנת כן נשאום להשאר עמהם כל ימיהם הרי הוא כאילו פירשו שיחולו משיגדיל**". וע"ע בירור הלכה בזה בקובץ זרע יעקב (גליון יג, עמ' קכ-קכו).

וע"ע ב"ח (אה"ע סי' א): "ונראה לי דיש לחלק בין כשנשא אשה לדעתו ובין כשאביו משיאו אשה דבנושא אשה כל שהוא קטן דאינו בן י"ג ויום אחד אין ראוי לו לישא אשה ולא תקינו לו נישואין **אבל כשהאב משיאו מצוה קעביד** מדכתב קרא וידעת כי שלום אהלך וגו' דאביו מלמדו ומדריכו בדרך ישרה ואע"פ שבנו קטן" יעו"ש. ב'חלקת מחוקק' (אה"ע מג, א) תמה על הב"ח וז"ל: "והרב בב"ח כתב דאב המשיא אשה לבנו קטן בן י"ב שנה הוו קידושין דרבנן, ולא ידעתי שום רמז ראיה לדבר חדש זה והבא לחדש דין כזה עליו להביא ראיה ברורה". וב'אבני מילואים' (שם סק"ב) כותב ע"ז: "ואין זה דבר חדש דכבר כתבו בתשובת מוהרי"ק (שורש לב) וז"ל: מצאתי כתוב ר' נתן המכירי שאל מאת רבינו יצחק בן רבי יהודא [בר ברזילי]: **בן י"א שנה שקידש אביו בטבעת ועדים** אם ימאן אם צריכה גט או לא? והשיב **שצריכה גט** שמצינו בכל מקום שזכין לאדם שלא בפניו כו' ועוד מאחר שלא מיחה בקידושי אביו עד בן י"ג שנה וחצי מאן לימא לן דלא ארצויי ארצי קמי' אחר שגדל ושתק וסבר וקיבל ולאחר מיכן חזר בו ואינה חוזרה ואינה יוצאה בלא גט. ומהרי"ט (אה"ע סי' יא) כתב שראה הרב המופלא מוהרא"ן חיים (סי' מא) שהיה משתמש בסברא זו ומוהר"י מינץ הסכים עמו" יעו"ש. כידוע יש בזה אריכות גדולה בראשונים ואחרונים ואכ"מ.

וע"ע תוספות (יבמות צו: ד"ה נשא): "ואע"ג דלא תקינו רבנן נשואין לקטן מ"מ אומר רבינו יצחק דליכא איסורא דלא חשיבא ביאת זנות, **ומצוה נמי איכא להשיא אשה לבנו קטן** כדאמר בהנשרפין (סנהדרין דף עו: ושם) דעליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך". וע"ע סנהדרין (קד.): "העיר רבתי עם, אמר רבא אמר רבי יוחנן: **שהיו משיאין** קטנה לגדול **וגדולה לקטן** כדי שיהו להם בנים הרבה. וכ"כ במדרש (איכ"ר א, ב): "כיצד היו ישראל פרין ורבין? **היה אדם משיא בנו בן שתים עשרה שנה** אשה שהיא ראויה לילד והיה חוזר ומשיא בן בנו בן שתים עשרה שנה, לא היה מגיע לעשרים ושש שנים עד שהוא רואה בנים לבניו לקיים מה שנאמר (תהלים קכח) וראה בנים לבניך שלום על ישראל". ועי' הגהות בעל שואל ומשיב זצ"ל לשו"ת נודע ביהודה (מהדו"ק אה"ע סי' סג) על תשובת חתנו הג"ר יוסף הצדיק מפוזנא זצ"ל שמביא דברי חז"ל אלו ומסיק: "ומשם מבואר **דאביו יש לו רשות להשיא בן י"ב שנים** וכשיטת הב"ח בשיטת ר"י ברזילי". וע"ע שו"ת חכמי פרובינציה (ח"א סי' לב), שו"ת בית יוסף (דיני קידושין סי' ז), שו"ת תשב"ץ (ח"ד חוט המשולש סי' ט), שו"ת יכין ובועז (ח"ב סי' א), שו"ת מהר"י בן לב (ח"א סי' יז), שו"ת מהרשד"ם (אה"ע סי' ה), שו"ת רבינו בצלאל אשכנזי (סי' ג), שו"ת ראנ"ח (סי' מז), שו"ת מהרי"ט (ח"ב אה"ע סי' מא), שו"ת אבני שיש (ח"א סי' יד), שו"ת אדמת קודש (א אה"ע סי' מ), שו"ת פעולת צדיק (ח"א סי' כה), שו"ת מהרלב"ח (סי' סט), שו"ת מבי"ט (ח"ב סי' צז), שו"ת חידושי הרי"מ (אה"ע סי' כו), שו"ת אמרי משה לתלמיד הרמ"ל מסאסוב (סי' סב), שו"ת רב פעלים (ח"א אה"ע סי' ב), שו"ת משנה הלכות (חט"ז סי' עח), שו"ת יביע אומר (ח"ד אה"ע סי' ו), שו"ת ציץ אליעזר (חלק יא סימן פג), ספרנו 'בפלטרין של מלך' תשע"ו (עמ' נז).

**ב.** הג"ר דוד פיינשטיין זצ"ל אביו של הגר"מ היה מחסידי קוידינוב עד לנישואיו. ראה שו"ת אגרות משה (ח"ח ב'תולדות המחבר' עמ' 6): "אביו של הג"ר דוד זצ"ל, רבי יחיאל מיכל פיינשטיין זצ"ל היה בעל בית תלמיד חכם גדול והיה נמנה על חסידי קוידינוב. **רבינו** [האגרו"מ זצ"ל] **היה מקרב מאוד את צאצאי האדמו"ר מקוידינוב זצ"ל כשהגיעו לאמריקה, והרגיש כלפיהם חיוב של הכרת הטוב**. הג"ר אליהו פרוז'ינער זצ"ל מח"ס הליכות אליהו שמע על עילוי צעיר בן שלוש עשרה בשם 'דוד פיינשטיין', תהה על קנקנו, התפעל ממנו מאוד,

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'דא מסתמא אסאך תשובות וועגן אזעלכע ענינים, אבער אין איין תשובה (ח"ד סי' ט) פרעגט מען איהם אהן וועגן לייגן רבינו תמ'ס תפלין, און רבי משה ענטפערט אז זיכער דארף מען לייגן רבינו תמ'ס תפלין - "און איך וועל דאס אליין טוהן"[ג].

**אדמו"ר שליט"א:** ער איז געווען א שטארקע 'ענוותן' אויך. חוץ ווען ס'איז געקומען צו הלכה: ווען ער האט גע'פסק'נט אן הלכה, איז ער געשטאנען אויף דעם און ער האט זיך נישט דערשראקן...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'האב א תנא דמסייע אויף דעם רבינ'ס פריערדיגע ווערטער וועגן 'מעשה רב' און 'הלכה'. ווען איך האב חתונה געהאט קיין לאנדאן האב איך זיך צוגעגרייט אז מ'דארף אנהייבן לייגן רבינו תמ'ס תפלין, איז געווען דארט אין ענגלאנד וואס מ'האט אביסל נישט אזוי פארשטאנען צו דעם. והאלוקים אינה לידי אז כ'האב געזעהן די תשובה פון רבי משה פיינשטיין, און דאס איז געווען ביי מיר אזא מין מתנה ווי ער שרייבט אזוי שטארק וועגן דעם. כ'מיין אז די תשובה איז צום ליובאוויטשער רבי זצ"ל.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דאכט זיך מיר אז ער האט געהאט עפעס א שייכות דארט[ד].

**אדמו"ר שליט"א:** באמת ביי אונז אין די משפחה הייבט מען אהן לייגן רבינו תמ'ס תפלין ביי די בר מצוה, נישט הערשט נאך די חתונה. דאס הייסט רש"י'ס תפלין א חודש פריער, און רבינו תמ'ס תפלין הייבט מען אהן ביי די בר מצוה[ה].

---

וסיפר הדברים לחותנו הג"ר יצחק יחיאל דווידאוויטש זצ"ל אבד"ק קאפולייא שמינהו לחפש חתן לבתו מרת פייא גיטל ע"ה שהגיעה לפרקה. השידוך נראה לרבי יצחק יחיאל, אלא שהיה בו עיכוב אחד: **החתן המיועד היה חסיד שנהג בכל מנהגי החסידות**, בעוד שרבי יצחק יחיאל היה בן לדורות של ת"ח מתנגדים לחסידות בלב ובנפש. הגרי"י הסכים לשידוך בתנאי שרבי דוד זצ"ל יזנח את דרכי החסידות וילך ללמוד בישיבת וולאז'ין לארבע שנים"...

וע"ע 'מסורת משה' (ח"ג עמ' תכב): "בליל ל"ג בעומר באו חבורה של באיאנער חסידים עם הראש ישיבה של סקווער [הגרא"ח ברים זצ"ל] שהיה ג"כ באיאנער, לבקש ברכה מרבינו [הגר"מ פיינשטיין זצ"ל]. לאחר שהלכו סיפר לי רבינו שבאמת הבאיאנער רבי האחרון זצ"ל היה ידיד נפש שלו, ובגלל זה בכל פעם שהיו באים חסידיו מא"י לבקרו היו תמיד באים גם לבקר את רבינו, ומסיבה זו כשהיה רבינו בא"י הלך לישיבתם שם ואמר להם שיעור. כשאמרתי שאם כן היו צריכים לעשות את רבינו הרבי עכשיו, חייך רבינו ואמר **שבאמת בשנים הראשונות שהגיע לאמריקה, בא לפניו אדם אחד ואמר לו שאם רק יקבל רבינו על עצמו להיות 'רבי' הוא מבטיח לו מחר אלפיים חסידים**, ולא חשוב אם ימשיך להתפלל לעצמו בהברתו ובנוסחתו"...

**ג.** ראה אגרות משה שם: "עש"ק שקלים תש"מ מע"כ הוד כ"ק הגאון הצדיק מוהרמ"מ שליט"א שניאורסאן האדמו"ר מליובאוויטש. שלום וברכה לעולם. כאשר הודיעו לי בדבר שהוכ"ק גאונו מתעניין בדבר קיום מצות תפילין אליבא דר"ת שעלי מצאתי לנחוץ לכתוב תודתי וגם טעמי ונמוקי. הנה **בהיותי בליובאן היו לי תפילין דר"ת מהודרין אשר נהגתי ללובשן אחר התפלה** אבל התנתי בלא נדר, וכן **כאשר באתי לכאן ברחמי שמים לבשתי הרבה שנים** כשמצאתי טובים לפי דעתי וכו'. וכשבאתי לכאן לא השגתי תפילין דר"ת מאלו המצוין שיהיו לפי דעתי אלא **פעם אחת נזדמן לי להשיג תפילין דר"ת ישנים אבל טובים שלבשתים הרבה שנים** עד שהוצרכתי לגונזם.

"ותפילין דרש"י המחוייבים השגתי שני פעמים ע"י אחד בא"י כפי מה שאמרתי שיעשו, אבל לא הטרחתי כל כך בשביל תפילין דר"ת דליכא חיוב ממש וגם לא חיוב דמנהג, אף **שאבא מארי זצ"ל הניח כל ימיו** אבל לא נהג באופן שיתחייבו גם בניו מדין מנהג, וגם בשביל הוצאה גדולה כשכותבין ביחוד שבהרבה פעמים לא היה זה דבר נקל, וכיון שאינו חיוב בעצם וגם התנתי בלא נדר לא דחקתי עצמי בזה וכו'. **ועתה כאשר הודיעו לי בשם כ"ק הו"ג שליט"א שיש סופר מובהק אצלו שנכון לשלחו אלי ולצוותו שיכתוב עבורי פרשיות דתפילין דר"ת כרצוני הוא דבר גדול מאד, לבד מה שאוכל לקיים גם מצות הנחת תפילין דר"ת כפי מה שנהגתי**, וענין הממון ב"ה שעזרני ויעזרני לשלם להסופר כפי אשר יבקש וישיג הסופר בתים טובים".

**ד.** ראה שו"ת אגרות משה (ח"ח ב'תולדות המחבר' עמ' 5): "רבינו היה מספר שסבתו של אביו רבי דוד פיינשטיין זצ"ל, מרת רחל ע"ה שהיתה ילידת העיר ליאזני עירו של אדמו"ר בעל התניא זצ"ל, נודעה מילדותה בכשרונותיה ובאהבתה ללימוד התורה. אביה פנה לרב העיר בבקשת עצה כדת מה לעשות בה, ואדמו"ר בעל התניא הסכים שהיא תלמד 'בחדר' עם טובי הילדים שם, כשהיא יושבת בירכתי החדר. אחד ומיוחד מתלמידי ה'חדר' היה נכדו של בעל התניא, אדמו"ר בעל צמח צדק מליובאוויטש זצ"ל. רבינו [הגר"מ פיינשטיין זצ"ל] סיפר שעובדה זו נודעה לו כאשר אדמו"ר הריי"צ מליובאוויטש זצ"ל ביקש לכנס אסיפה של רבני רוסיא. משלחת של רבני חב"ד פנתה לרבינו ולאחיו הג"ר מרדכי זצ"ל גאב"ד שקלאוו בהזמנה להשתתף באסיפה. כשרבינו תמה מה לו ולחב"ד, סיפרו לו הרבנים שסבתו למדה בחדר אחד עם אדמו"ר בעל הצמח צדק".

וע"ע 'מסורת משה' (ח"ג עמ' תכג) שהרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זצ"ל היה זה שהזמינם לאסיפת הרבנים בשכונה ההיא, וגם כשבא הגר"מ זצ"ל לארה"ב אמר לו הריי"צ מליובאוויטש זצ"ל שלא ישכח שיש לו שייכות איתם. וע"ע שם (ח"ב עמ' תפט) שהריי"צ אף ביקש מהגר"מ לכהן כראש ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש יעו"ש.

**ה.** ראה 'פקודת אלעזר' (עמ' מז): "רבינו [כ"ק האדמו"ר ר' אלעזר מפאלטישאן זצ"ל] הלך אל הספינה בערב שבת וקנה שביתה מבעוד יום טרם יצאה הספינה אל דרכה. שם היתה לרבינו עגמת נפש גדולה כי נודע לו שהתפלין דר"ת היקרים של הבעש"ט מכתב יד הסופר החשוב "רבי אפרים סופר", אשר היו אצל אביו בירושה מאביו הרה"ק רבי דוד מסקווירא זצוק"ל והוא נתנם לו במתנה לכבוד הבר מצוה שלו - נאבדו ממנו ואינם.

"רבינו לא ידע את נפשו מרוב צער, וכבר רצה לבטל את כל הנסיעה ולחזור העירה לחפשם בכל המקומות באמרו שמבלי תפלין הללו לא כדאי כלל להיות באמעריקא. בקושי רב עלה ביד בני המשפחה להניעו ממחשבה זו, בהבינם לו כי באם ישאר עתה כאן עלול הוא לאבד את זכותו להיכנס שוב לארה"ב, כי תוקף הרשיון הוא רק על זמן קצר ועומד לפוג בעוד ימים ספורים. רבינו לא ידע לשית עצות בנפשו: מצד אחד עליו לוותר על אוצר כלי חמדה ששמר עליו כל השנים כאישון עין ואיך ינחם, אבל מצד שני הכי מותר לו בשביל זה לאבד הזדמנות זו אשר עליה חיכה בכליון עינים לבוא אל המנוחה ולעבוד את ה' בביתו בלי מפריע. לאחר התלבטויות לא מעטים ובצירוף הפצרות בני המשפחה נצח הצד השני ורבינו החליט לעלות על הספינה ולהמשיך את דרכו אף בלי התפלין. **רבינו תלה סיבת הדבר בעובדא ששינה מדרכי אבותיו ולא התחיל להניח תפלין דר"ת ביום**

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אזוי? דער מקור איז נאך מסתמא פון פאר רבי איציקל סקווערער זי"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** נישט אלעס איז געווען גלייך ביי אלע קינדער פונעם טשערנאבלער מגיד זי"ע. באמת ווייס איך נישט צי מ'דארף אזוי ווייט א מקור, ווייל ממה נפשך: אויב כ'האלט אז דאס איז א ספק פון די ריכטיגע תפלין, איז מען דאך מחוייב פון די בר מצוה. אפשר דארף מען א מקור פארוואס נישט פון די בר מצוה?..[ו] אבער כ'זאג נישט אויף זיכער, ווייל אויב יא וואלט איך געדארפט הייסן אז דער גאנצער עולם זאל לייגן פון די בר מצוה.

**בנו הרמש"י:** אין חב"ד פירט מען זיך אזוי, אז דער גאנצער עולם לייגט רבינו תמ'ס תפלין פון די בר מצוה.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'הער גאר אז אין צאנז לייגט מען תפלין אום חול המועד. אין זוה"ק (זו"ח שה"ש ח.) שטייט דאך בפירוש פייער פייער קעגן לייגן תפלין חוה"מ, אז ס'איז א חילול יו"ט חלילה![ז]

טאקע דעמאלס נאכדעם וואס כ'האב חתונה געהאט און געעפנט דעם ביהמ"ד [סאדיגורה בגולדרס גרין], האב איך געזעהן אידן לייגן תפלין אום חוה"מ. האב איך גלייך דעמאלס געבעטן אז מ'זאל זיי מרמז זיין אויף אן אײדעלן אופן אז ס'איז דא א ווינקאלע אין עזרת נשים וואו זיי קענען לייגן תפלין געזונטערהייט. כ'האב נישט געוואלט חלילה אז ס'זאל ווערן א פרסום, אבער די תנאים וואס מ'רעכנט אויס אין זוה"ק זענען ממש א פחד!

הג"ר חנוך העניך פדווא זצ"ל גאב"ד לאנדאן איז געווען מיין רבי אין הוראה, כ'האב געלערנט מיט איהם טאג טעגליך.

**אדמו"ר שליט"א:** זיין אייניקל [הג"ר לייביש פדווא שליט"א חבר בד"צ משפטי צדק ורה"כ חו"מ בשיכון סקווירא] האט געוואוינט ביי אונז אלע יארן, און לעצטנס האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין לאנדאן.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** זיי זענען גוטע בעלי כשרון.

האט מען אמאל גערעדט אז ס'זענען דא מקילים און ס'זענען דא מחמירים אין הלכה, ביי וועלכע זאך דארף מען מחמיר זיין און ווען דארף מען מקיל זיין? האט מיך רבי העניך געזאגט: געב א קוק, אויף יעדע טיר איז דא א מזוזה. ס'איז דאך דא א פלוגתא צווישן רש"י און ר"ת צי די מזוזה דארף זיין בשכיבה צי בעמידה. וואס'זשע טוען מיר? מ'מאכט עס בשיפוע ובאלכסון (רמ"א יו"ד רפט, ו)". פרעגט ער מיר אליין: "נו ישראל משה, ס'איז דאך נישט אהין און נישט אהער? ס'איז נישט בעמידה און ס'איז נישט בשכיבה? אלא מאי זעהט מען פונדאנעט אז אין הלכה דארף מען זיך אויך קענען בייגן אמאל... מ'דארף נישט זיין אייזן אזוי".

אויב ביי די גרעסטע מצוה וואס מיר האבן, די מצוה פון מזוזה וואס איז א שמירה, ביי דעם זענען מיר גאר מקיל? אלא מאי ניין, מ'האט אונז געוואלט מחנך זיין: זאלסט וויסן זיין, איך בין טאקע רבינו תם - אבער כ'האב געהאט א גרויסער גרויסער זיידע רש"י וואס האט געהאלטן אנדערש, און מ'דארף זיך אן עצה גיבן..!

**אדמו"ר שליט"א:** ס'שטייט דאך פשוט (עירובין יג:) אז

---

**הבר מצוה כמו שהוא מנהג טשערנאביל וסקווירא**, רק נהג מנהג בעלזא כי שם נתגדל והתחיל להניחם רק לאחר הנשואין".

**ו.** ראה 'אות חיים' מונקאטש (לד, י) על דברי המחבר בסעיף ג' בנוגע הנחת תפלין דר"ת: "לא יעשה כן אלא מי שמוחזק ומפורסם בחסידות", שכותב הרה"ק המנחת אלעזר זי"ע: "**הבחורים קודם נשיאתם אינם מניחים כלל תפלין דר"ת, והטעם שמעתי אומרים כי בחורים בודאי אינם בכלל מוחזקים ומפורסמים בחסידות. אמנם אין זה טעם מספיק, וכי נשואיו עם אשתו גרמו לו החסידות שיהיה מוחזק ומפורסם בחסידות, גם אם הוא איש פשוט ואינו עוסק בתורה לא לפני ולא לאחר נשיאותו?** וכו'. והגם שאנחנו **נכדי אא"ז הגה"ק רבן של ישראל מהרצ"א מדינוב זי"ע בעל בני יששכר ושארי ספרים, נהגנו ע"פ רצונו אחריו להניח תפלין דר"ת מיד בכניסתן לבר מצוה בשנת הי"ג**, מ"מ ליישב מנהג העולם שלא נהגו כן נראה לומר שהוא עפ"מ דפסקינן להלן בשו"ע (לח, ד) ד'המניח תפילין צריך ליזהר מהרהור תאות אשה', וכתב הרמ"א ד'אם אי אפשר לו בלא הרהורים מוטב שלא להניחם' וכו'. ובאינו נשוי עכ"פ לא רצו למנעו שלא להניח תפילין כלל שלא להיות בכלל קרקפתא דלא מנח תפלין וסמכו על חזקת כשרותו וכו' וכל זה בתפלין דרש"י שהם חיוב כמנהג העולם, משא"כ **בתדר"ת כיון שכבר הניח תפילין דרש"י כמנהג העולם מדקדקים ומחמירים שלא להניח דר"ת מפני חשש הרהורים כנזכר עד אחרי נשיאתו.**

"ויש לי סמך לטעם זה שהוא עיקר, כי שמעתי בשם צדיק אחד זי"ע שאנשי שלומו נהגו שלא יניחו תדר"ת בשנה ראשונה אחרי חתונתם, וכנראה היה סבירא ליה טעם זה כי ע"כ בשנה הראשונה שצריך להיות נקי לביתו והתאוה אז גוברת, ע"כ הנהיג למנוע א"ע מתפלין דר"ת פן לא ישמר מהרהורים כנזכר. הגם שלא נהגו כן במקומנו רק להניח העולם אחרי חתונתם מיד, אבל הטעם נראה כנזכר". וע"ע 'שלחן מלכים' (הל' תפלין דר"ת ס"ב): "**בחורים קודם נשיאתן אף מופלגים בתורה וביראה לא נהגו להניחם ואין לשנות המנהג. ויש שאין מניחים אותם בשנה הראשונה לאחר חתונתם** - כן הנהיג מרן אור עולם מהר"ש מבעלזא זי"ע אצל אנשי שלומו, וטעמו ונימוקו כי בשנה הראשונה נקי יהיה לביתו והתאוה" וכו'. וע"ע 'נטעי גבריאל' (נישואין ח"ב פרק סב, ב): "**אכן בארץ ישראל צוה מרן הגה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע להניח אף בשנה ראשונה**". וע"ע שו"ת דברי יציב (ליקוטים והשמטות סי' ח) ביאור נפלא למה "**המנהג היה אצלינו ואצל כל הנוהרים אחר מנהגי אבוה"ק זי"ע להניח תיכף אחרי החתונה**" יעו"ש. וע"ע שו"ת אור לציון (ח"ב עמ' לח), 'תכין לבם' (עמ' קפה), הליכות עולם (ח"א עמ' כג).

**ז.** ראה 'בית יוסף' (או"ח סי' לא): "ומאחר שבתלמודא דידן לא נתבאר דין זה בפירוש, **מי יערב לבו לגשת לעבור בקום ועשה על דברי רבי שמעון בר יוחאי המפליג כל כך באיסור הנחתן**".

הלכה כבית הלל וויל זיי זענען געווען "ענוויים"[ח]. מה מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך אף דברי תורה אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה (תענית ז.).

## מנהג עוקר הלכה

**האדמו"ר מסאדיגורה:** וועגן די התחלה פונעם שמועס וועגן 'מעשה רב' - כ'וויל נישט דא מאריך זיין אבער כ'האב געהאט אן אריכות'דיגן ענין מיט'ן טאטן זצ"ל וועגן רבי משה פיינשטיין זצ"ל. וואס איז געווען? אזוי האט דער רבוש"ע געוואלט אז כ'זאל זיין א בן יחיד, און יעדע זאך איז געגאנגען דעם טאטן בנפשו: "כ'בעהט דיך זאלסט עס לערנען הוראה, דו מוזט קענען יורה דעה, דו מוזט עס דורכ'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל", ער האט מיר נישט געלאזט קיין מנוחה...

**אדמו"ר שליט"א:** הייסט דאס אז 'אבא מזכה ברא (סנהדרין קד.)'?..

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אין ארץ ישראל בין איך געגאנגען לפי דעם זיידנ'ס הוראה לערנען אין פונוביז. איך האב געוואלט גיין לערנען ערגעץ אנדערש, כ'וויל נישט דא ברבים זאגן דעם נאמען, אבער דער זיידע [כ"ק האדמו"ר הכנסת מרדכי מסאדיגורה זצ"ל] האט נישט מסכים געווען, און אז ער איז נישט מסכים איז נישט.

נאך די חתונה דעמאלס אום אלול, האט דער טאטע מיר געפרעגט אויפ'ן טעלפון: "ביסט שוין געווען? האסט זיך שוין פארהערט אויף 'הוראה'?". ער האט געוואלט כ'זאל מיך פארהערן ביי הג"ר העניך זצ"ל און ביים מנחת יצחק זצ"ל וכו'.

**אדמו"ר שליט"א:** וויל אין די ליטווישע ישיבות האט מען נישט געלערנט קיין הוראה...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ניין... היינט איז ב"ה אכשר דרא, ס'איז היינט א דור וואס מ'האט געעפנט אלע ראשי תיבות אז אפילו אן עם הארץ קען אויך לערנען... אבער דעמאלס ווען מ'האט געלערנט הלכות טריפות אין לאנדאן, געדענק איך למשל אז ס'איז געווען א ראשי תיבות 'שאשי"', דאס איז ש'בר א'ל ש'בר י'חדיו י'ודבקו... די הלכה אז טאמער דער שבר אל שבר איז ממש פונקט אויפ'ן ארט, האב איך נישט קיין מורא אז ס'האט מנקב געווען די ריאה און מ'איז עס מכשיר (יו"ד נג, ב; שם נה, ב-ה ובנו"כ).

כ'געדענק ווי יעצט אז אמאל ווען כ'בין געווען אין אמעריקא, זאגט מיר דער טאטע אויפ'ן טעלפון: "אז דו ביסט אין בארא פארק, נעם א טעקסי און פאר צו און לאז זיך פארהערן ביי הג"ר משה פיינשטיין. וועסט מיך מחיה זיין, והחיית את נפשי!". האב איך געטוהן אביסל השתדלות אבער כ'האב געזעהן אז ס'גייט נישט.

**אדמו"ר שליט"א:** דאס הייסט אז מ'האט שוין נישט אריינגעלאזט צו איהם?

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'געווען בסוף ימיו און מ'האט נישט אריינגעלאזט. ער האט געהאט א מנין וואס ער איז געווען דער אכטער, זיין אייניקל דער ניינטער און דער בעל קורא איז געווען דער צענטער. די אנדערע זיבן האבן געדארפט זיין געסט וואס מ'האט זיי שוין אפגעשטימט פון פריער.

אז כ'האב געזעהן אז ס'גייט נישט האב איך פראבירט צו שתדל'ן ביי אנדערע, און אלע האבן מיר געענטפערט אז דאס איז דער מהלך דארט: "ס'איז מיין שמחה האב איך רעכט צו לאדענען וועמען איך וויל. איהר זאלט מוחל זיין, כ'האב אייך נישט איינגעלאדנט". נישט חלילה קיין 'קמצא בר קמצא', אבער על כל פנים אזוי איז געווען. רוף איך אהן דעם טאטן און כ'בעהט זיך: כ'האב געטוהן אלע השתדלות'ן און ס'גייט נישט. ער זאל מיר מוחל זיין, און כ'האב ב"ה היתר הוראה פון אנדערע גדולים. אבער דער טאטע האט געזאגט: "כ'בין נישט מוותר בשום אופן! נעם א טעקסי און פאר אהין". זאג איך: כ'ווייס נישט וואו מ'פארט, כ'קען מיך נישט אויס... ס'געווען אינמיטן די היצן פון ניו יארק.

האב איך מחליט געווען אז כ'מוז פאלגן דעם טאטן,

---

**ח.** וז"ל הגמרא שם: "וכי מאחר שאלו ואלו דברי אלוקים חיים, **מפני מה זכו בית הלל לקבוע הלכה כמותן? מפני שנוחין ועלובין** ['סבלנין' רש"י] **היו** ושונין דבריהן ודברי בית שמאי, ולא עוד אלא שמקדימין דברי בית שמאי לדבריהן וכו'. **ללמדך שכל המשפיל עצמו הקב"ה מגביהו** וכל המגביה עצמו הקב"ה משפילו, כל המחזר על הגדולה גדולה בורחת ממנו **וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו**".

ועי' מהר"ל ב'באר הגולה' (באר החמישי פ"א): "ומעתה יש לשאול מה עניין זה שתהיה הלכה כמותן? דבשביל שהיו משפילין עצמן אין ראוי שתהיה הלכה כמותן כי ההלכה תולה בזה שהתורה שלהם לפי ההלכה ולא מפני שהיו מקטינין עצמם? רק שאלו דברים כולם הוא סיבה עצמית שיאמר דברים אמיתים לפי ההלכה, כי מאחר שהן 'נוחין' נמשך דבריהן אחר האמת כי כאשר יכעוס הרי מכח הכעס נראה שרוצה להחזיק דבריו בכח וביד חזקה ורוצה לנצח והוא סר מדרך האמת. וגם מפני שהן 'עלובין' הוא סיבה שאמרו דברים לפי ההלכה, שאם לא כן מכח שרוצה להתגדל על בעל מחלוקתו הוא סותר דברי בעל ריבו, אע"ג שאין האמת אתו. וכן מה שהיו 'שונים דברי ב"ש והיו מקדימים דברי ב"ש לדבריהם', נראה שלא היו שונאים לדברי בעל ריבם ומבקשים לדחות דברי זולתם אף כי האמת אתם וכו' ולא היה מחלוקת שלהם מכת המנצחים. כי מי שהוא מכת המנצחים אין דבריו נמשכים אחר האמת כי תמיד מבקש לנצח. ולא היו כל אלו הדברים בבית הלל, לכך ראוי להיות הלכה כמותן וכו'. ובדבר זה נפלו כמה אנשים שהשנאה פועל להם שרואים דרך המישור העולה בית א-ל דרך עקומה והאהבה משוה להם ההרים לבקעה" יעו"ש.

און כ'האב גענומען א טעקסי אין בארא פארק און געפארן קיין מאנהעטן. כ'האב געדענקט אין קאפ אז אין רבי משה'ס תשובות שטייט די אדרעס FDR 455 דרייוו, און בערך דארט וואוינט ער. בין איך צוגעפארן אהין, און ס'האט מיר אנגעטראפן א גוי א טעקנישן פון AT&T און ער פרעגט מיר: וועמען זוכסטו? דו זוכסט דעם אלטן 'גרעיט ראביי'? זאג איך: "יא, איהם זוך איך. קענסטו מיר וויזן וואו ער וואוינט". האט ער מיר צוגעטראגן צו דעם גרויסן פראדזשעקט בילדינג, און כ'טראכט מיר: וויאזוי גיי איך דא אריין?

על כל פנים האט זיך געמאכט אז א אידענע איז ארויס פונעם בנין, און אזוי ווי זי איז ארויס האב איך מיך געגיבן א גליטש אריין און כ'בין געשטאנען אינעם תור אויף די טרעפ כאילו איך בין אויך אן איינגעלאדנטער... וואס זאל איך טוהן? אלס 'כיבוד אב' מעג מען אמאל טוהן אזא זאך. מ'הייבט אהן אריינלאזן און דאס אייניקל האט געציילט דער מספר, און ער מאכט מיר אזוי... אבער ער האט מיר אריינגעלאזט.

צום סוף נאכ'ן דאווענען איז געווען א תור וואס יעדער איינער איז צוגעקומען צו רבי משה'ן מיט זיינע בקשות. האב איך געבעטן פון רבי משה'ן א בקשה, אז כ'וויל מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב בהידור און כ'בעהט אז דער רב דער ראש ישיבה זאל מיך פארהערן הוראה. כ'זעה ווי דאס אייניקל מאכט מיר אזוי מיט'ן פינגער... זאגט מיר רבי משה: וואס לערנסטו? וועלכע סימן? האב איך געזאגט אז כ'האב אנגעהויבן סי' פ"ז-פ"ח-פ"ט וכו'. זאגט ער: "ניין, כ'וויל וויסן צי די פריערדיגע סימנים האסטו אויך געלערנט, ווייל דאס דארף מען אויך קענען". די פריערדיגע סימנים זענען הלכות תולעים, דם, יוצא מן החי וכדו'. דארט איז אויך דא די הלכה פון 'כוי' צי ס'איז חיה צי א בהמה. [דער ש"ך (יו"ד פ, סק"ג) זאגט דארט אז דער 'שור הבר' איז באפעלא"ו. אין אמעריקא ווייסט מען וואס בופעלאו איז אבער ס'איז ספק חיה ספק בהמה און מ'ווייסט נישט צי ס'דארף כיסוי הדם וכדו'].

**אדמו"ר שליט"א:** דאס הייסט אז ער האט געזעהן אז נישט יעדער וואס נעמט הוראה לערנט די אלע פריערדיגע סימנים...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** האט ער מיר אנגעהויבן צו פארהערן נאך און נאך און נאך, ביז ער קומט צו א פונקט ווען ער זאגט מיר: "כ'האב דאך מיינע קינדער, הרב טענדלער און נאך, וואס זענען דא, און כ'וויל אז איהר זאלט ממשיך זיין זיך פארהערן ביי זיי ווייטער". אזוי האב איך געטוהן, און אינדרויסן האט די רביצין זיך שוין אינצווישן דערוואוסט ווער דער יונגערמאנ'טשיקל איז, און זי האט מיך שוין מכבד געווען אביסל שענער ווי די אנדערע...

**אדמו"ר שליט"א:** דאכט זיך מיר אז זי האט געשטאמט פון חסידים.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** זי האט געהאט א ווארימע הרגשה צו חסידים, און זי האט מיך נישט ארויסגעשיקט. בין איך דארט געווען און כ'האב גענומען הוראה, און טאקע וואס מ'האט פריער גערעדט מיט'ן רבי'ן וועגן הלכה און מנהג - האב איך נאכדעם גענומען די העזה און געפרעגט פון רבי משה פיינשטיין אז כ'וויל פארשטיין: אין ספר 'מעשה רב' פון הגר"ח חיים וואלאזינער זצ"ל (לקוטי דינים אות צח) שטייט אז דער גאון האט געלייגט די מזוזה אויפ'ן שוועל שטייעדיג אבער "אהן קיין כיסוי". [מ'זעהט אין ירושלים אזעלכע מזוזות].

כ'האב געהאלטן אז רבי משה איז לוחם פאר שיטת הגר"א, פרעג איך איהם: "דער רבי זאל מוחל זיין, פארוואס פירט זיך נישט דער רבי אזוי ווי ס'שטייט אין 'מעשה רב'?". רופט ער זיך אהן צו מיר: "זאלסטו וויסן זיין אז ווען ס'איז א מחלוקת צווישן הלכה און מנהג, איז דער מנהג קובע איבער הלכה! ממילא אויב איך האב אזא מנהג און די הלכה זעהט אויס אנדערש, איז דער מנהג קובע איבער הלכה". כ'האב נישט געגלייבט אז איך זאל הערן אזעלכע ווערטער פון "רבי משה פיינשטיין"..!

**אדמו"ר שליט"א:** דאס איז מנהג איז עוקר הלכה איז נישט נאר א חסיד'ישע זאך, ס'שטייט דאך אזוי (ירושלמי יבמות יב, א; שם ב"מ ז, א; מסכת סופרים יד, טז) אז "מנהג מבטל את ההלכה". דער מגן אברהם (או"ח תרצ, סקכ"ב) ברענגט דאס אויך פון איינער פון די פוסקים, ממש די זאך אז א מנהג איז עוקר ההלכה[ט].

---

ט. ברמ"א שם (סעיף יז) כתב: "אין לבטל שום מנהג או ללעוג עליו כי לא לחינם הוקבעו (ב"י בשם א"ח)". ועל כך כתב המג"א שם: "וכתב רמ"א בתשובה (סי' כא) בשם מהרי"ק (שורש קמד) **דאם נמצא המנהג באיזה פוסק אין לבטלו אפילו בשעת הדחק** אין לשנות מנהג כדאמרינן בבני בישן (פסחים נ:). **ואפילו יש במנהג צד איסור אין לבטלו** כמ"ש מהרי"ק (ש"ט), ואפילו **במנהג מקום אחד אמרינן שמבטל הלכה** וכו' עכ"ל. ומהרא"ש (בביאורי סמ"ג) כתב **הא דאמרינן 'מנהג עוקר הלכה' היינו אפילו רוב דיעות סבירא להו אסור והתלמוד מסייע להו, והמנהג הבנוי על פי הפסיקתא** או ספרים חיצונים, **אמרינן מנהג עוקר הלכה דודאי כך קיבלו אבותינו איש מפי איש** עכ"ל" יעו"ש עוד.

### **דברי קבלה מכריעים בהלכה**

באמת אין הלכות תפלין שטייט אין מג"א (או"ח כה, סק"כ) אז דארט וואו ס'איז א מחלוקת צווישן גמרא און קבלה און די קבלה איז מחמיר "יש להחמיר גם כן", און דער שערי תשובה סקי"ד) לייגט צו אז דארט וואו ס'איז דא א מחלוקת צווישן די פוסקים איז די קבלה מכריע להלכה"[יא].

---

י. ברמ"א כותב שם (סעיף יא) בהג"ה בשם הזוה"ק: "יש מי שכתב להניח של יד מיושב ושל ראש מעומד (אגור בשם הזוהר סימן פד), ובמדינות אלו לא נהגו כן אלא שתיהן מעומד". ועי"ז מציין המג"א שם: "כתב בכנסת הגדולה בכללי הפוסקים: **כל דבר שבעלי הקבלה והזוהר חולקין עם הגמרא** הַלֵך אחר הגמרא והפוסקים (רדב"ז ח"א סי' מט וח"ד סי' פ וספר יוחסין ור"י הלוי סי' מא וכ"כ הרב"י כאן). מיהו **אם בעלי הקבלה מחמירין יש להחמיר** ג"כ, וכל דבר שלא הוזכר בגמרא ובפוסקים אע"פ שנזכר בקבלה אין אנו יכולים לכוף לנהוג כן (רא"ם ח"א ס"א) עכ"ל".

ה'ערוך השולחן' (שם סעיף כט) אחר שמביא דברי המג"א הנ"ל מוסיף: "אמנם **מקובלני שאי אפשר להיות הזוהר מחולק עם הגמ'** אא"כ שגם בגמ' יש פלוגתא, ובמקום שהדין פסוק בגמ' גם הזוהר ס"ל כן, **ואילו יש מקומות שלא פירשו כן בזוהר לא כוונו האמת וצריך לפרש פירוש שישתווה עם הגמרא**". וכבר קדמו הרה"ק מקאמארנא ב'זוהר חי' (ח"ג עמ' קכ): "כל החולק על הזוהר חולק על השכינה ומין הוא כופר. ומה שאמרו רבותינו כי במקום שהזוהר חולק על הגמרא הלכה כהש"ס יציב מילתא, אבל **לא מצאתי באין פנים ובשום מקום שיחלוק הזוהר על הש"ס, ולפעמים יש שינוי לשון אבל הכונה אחת היא להלכה.** אבל **במקום שאין הכרע בש"ס והפוסקים חולקים**, כבר פסק בתשובת משאת בנימין (סי' סב) **שאם יהיו כל הפוסקים וכל הגאונים בכף אחת ספר הזוהר יכריע את כולם**".

ואחר חתימת התלמוד והזוה"ק במקום שנחלקו המקובלים עם הפוסקים כתב בשועה"ר (או"ח כה, כח) שיש לנהוג כפי הפוסקים, אך עי' 'שער הכולל' (על סידור הרב, פ"א אות א): "שמעתי מפי הרה"ג החסיד המפורסם ר' הלל פאריטשער זי"ע אשר פעם אחת שאלו את אדמו"ר הזקן איך יש לנהוג בדבר שהמקובלים מחולקים עם הפוסקים והשיב אדמו"ר **מסתמא יש לנהוג כהמקובלים**. ושאלו אותו הלא הוא בעצמו בשו"ע שלו (שם) כתב שיש לילך אחר הפוסקים, והשיב: "כן כותבים הפוסקים **אבל המקובלים כותבים לילך אחר המקובלים נגד הפוסקים**". הרה"ק ממונקאטש מביאו ב'אות חיים' (כה, טז) ומוסיף: "וכן ידוע כי השו"ע חיבר התניא כמנהג ההמון **והוא בעצמו וגם תלמידיו החסידים לא נהגו כן**, ורצונו היה לסדר מהדורא תניינא שיהיה מתאים גם לדברי המקובלים אך לא עלתה בידו וכמש"כ שם בסידור הנזכר". ועי' 'קובץ הרז"ש' (עמ' 27) תשובת הגה"ח ר' זלמן שמעון דווארקין ע"ה בזה.

**יא.** וז"ל שע"ת שם: "ועיין בשו"ת ח"צ (סי' לו) שהביא מתשובת הרדב"ז דדין שאינו מוזכר ההיפך בש"ס ופוסקים יש לילך אחר דברי קבלה **וגם במקום שיש פלוגתא בין הפוסקים דברי קבלה יכריע** ע"ש". וראה לבנו בשו"ת שאילת יעב"ץ (ח"א סי' מז) שמסביר הדק היטב למה לא נוהגים כזוה"ק כשהוא נגד הגמרא כיון שגם רשב"י נהג למעשה כדעת חבריו שחלקו עליו והיו רוב אלא שבזוה"ק מבאר את דעתו ע"פ הסוד אך לא לקבוע הלכה, "משא"כ במקום שדברי התלמוד סתומים וחתומים וסובלים פירושים שונים והמפרשים נדחקו מקיר אל קיר הבנתם לפרשו ע"פ סברתם ולא ידעו מהזוהר כלום, **וזכינו שראינו הזוהר מפרש פירוש אחר בדברי הגמרא ולא כחולק אלא כמפרש לשון הגמרא הסתום, למה יגרע חלקו ומה חיסרון בחיקו מכל המון המפרשים? הלבעבור שדבריו דברי קבלה נדחם בשתי ידים? דל קבלה מהכא, מכדי שקולים הן ולמה לא נשמע לראשונים ולפירוש הקדמון, אפילו לא היה ראיה לזה יותר מזה הלא יש לנו לעשות בכזה כדברי הזוהר אחר שאינו חולק**" יעו"ש. וע"ע שו"ת שואל ומשיב תנינא (ח"ד סי' קעג) טעם אחר למה לא נקטינן כזוה"ק להלכה.

וע"ע מזה בב"י ודרכי משה על הטור (או"ח סי' קמא, יו"ד סי' סה), שועה"ר (או"ח כה, כח), כף החיים (שם, עה), משנה ברורה (שם, מב), שו"ת משאת בנימין (סי' סב), שו"ת רביד הזהב (סי' לט), שו"ת חת"ס (אה"ע סי' פה), שו"ת בית שערים (או"ח סי' שעד), שו"ת התעוררות תשובה (ח"א סי' יא, ח"ב סי' כט), שו"ת מנחת יצחק (ח"י סי' ג, ח"ה סי' כב), שו"ת אגרות משה (ח"ד סי' ג), שו"ת ציץ אליעזר (חכ"א סי' ה), שו"ת עטרת פז (ח"א אה"ע סי' יב). וע"ע שו"ת מהרש"ל (סי' צח) דלא משגחינן בדברי הזוה"ק כשחולק על הפוסקים ומביא ענין הנחת תפלין בחוה"מ, ובשו"ת הרמ"ע מפאנו (סי' קח) יוצא בחריפות נגד




**האדמו"ר מסאדיגורה:** דאס איז אויך גרויסע חידושים.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב עס אמאל געזאגט פאר א בחור ווענן א בארד... כ'האב גערעדט מיט איהם פריוואט, האב איך איהם געזאגט אז כ'בין נאכנישט זיכער אז 'מספריים כעין תער' איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן "להלכה". ס'זענען דא אסאך פוסקים וואס זאגן אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן להלכה! כ'רעד שוין נישט פון די תשובה אין שו"ת צמח צדק (יו"ד סי' צג) וואס איז נישט קיין חסיד'ישע תשובה, ס'איז אן הלכה'דיגע תשובה און ער האלט אז ס'איז א 'דאורייתא'[יב] - און נאך כמה וכמה פוסקים אזוי. אבער על פי קבלה איז דאך עס זיכער א הארבע זאך[יג].

נו אויב ס'איז דא א מחלוקת אין די פוסקים אליין, איז דאך די "הלכה" בפירוש אין שערי תשובה אז דברי קבלה איז מכריע! האב איך איהם געפרעגט פארוואס ער פאלגט נישט די "הלכה"?..

**האדמו"ר מסאדיגורה:** על כל פנים דארף מען זיך שטארק שטארק רעכענען מיט 'גירסא דינקותא', אויב טאטע מאמע האבן זיך געפירט אויף א געוויסן אופן דארף א קינד וויסן אז דאס איז א מסורה 'את הדרך ילכו בה', דאס איז די וועג וואס מ'דארף צו גיין. ס'איז נישט סתם עפעס א קלייניקייט.

**אדמו"ר שליט"א:** איינמאל פאר יו"ט שבועות איז דער זיידע [מרן מהר"ד] ז"ל געשטאנען ביים פענסטער און ס'זענען אנגעקומען אסאך אידן מיט פיאקערס אויף יו"ט. האט דער טאטע ז"ל געהערט ווי דער זיידע ז"ל רעדט אזוי צו זיך: "וואס זענען זיי נעבעך שולדיג? זיי וואלטן דאך באמת געוואלט פארן צום בעל שם זי"ע,

---

מהרש"ל ואילו הגריעב"ץ ב'מטפחת ספרים' (פ"ח אות כ) יוצא להגנת המהרש"ל.

**יב.** הפלגת איסורו של הצ"צ בגילוח הזקן שימשה כר נרחב למשא ומתן בין גדולי הפוסקים בדורות אחריו. בתרס"ה הו"ל הגרא"ח דנציגר מווארשא קונטרס 'זקן אברהם' בו הוכיח בגאונותו שהמספר זקנו עובר בשבעה לאווין דאורייתא, ובירחוני 'וילקט יוסף' התווכחו גדולי רבני אונגערן ואשכנז אם הפריז על המדה, ובתרע"ב הו"ל הגר"ס שיפפער מקארלסרו קונטרס 'תספורת הזקן' בו הביא מראשונים ואחרונים שחולקים על הצ"צ. וע"ע שו"ת מכתם לדוד (יו"ד סי' כח) שאוסר כהצ"צ ושו"ת חיים שאל להחיד"א (ח"א סי' נד, ח"ב סי' כז) שחולק עליו, שו"ת חלקת יעקב (יו"ד סי' פט), שו"ת שארית יוסף-ידיד (ח"ב יו"ד סי' ח), 'דרכי תשובה' (יו"ד קפא, קטז), 'אבות על בנים' להגר"ש בראך (אבות פ"ג), ועוד הרבה שו"ת הפוסקים.

**יג.** ראה זוה"ק (אד"ר ח"ג קל:): "**ווי למאן דאושיט ידיה בדיקנא יקירא עילאה**" יעו"ש. וכן מובא הרבה בכתבי האריז"ל כגון ב'שער הגלגולים' (הקדמה לט): "גם הזהירני **שלא ליגע בזקן להסיר ממנו שום שער אפילו דרך עסק**", וכן ב'טעמי המצוות' (סו"פ קדושים): "מצות הזקן ראוי לאדם **שלא יעקר שום שיער כלל מזקנו** כי הם צינורות שפע ויכוין כי ראש הזקן הוא תקונא קדמאה א"ל בסוד י"ג מידות ושיער הזקן ימין ושמאל הם ב"פ זקן גימ' שד"י הרי א"ל שד"י, וזה יכוין בכל עת שלא לאחוז בזקנו **כדי שלא יעקור שום שיער**". ועוד שם: "**בזקן היה מורי זללה"ה נוהג שלא לגלח כלל ועיקר לא בתער ולא במספרים לא למעלה ולא למטה בשום מקום** [רק השער שעל השפה המעכב מלאכות היה חותך במספרים ולא בתער. גם שער הפאות שעל הראש היה מניחן לגדלם ולא חתכם עד שגדלו כל כך שיכנס למטה במקום שער הזקן ממש שאז היה חותכם עד שיעור אותו מקום כי משם ולמטה לא יקרא פאת הראש]". וכ"כ ב'ברכי יוסף' (שיו"ב יו"ד קפא, י): "אמנם על דרך האמת סתרי תורה **איסור גמור לעשות הזקן בשום אופן** וכבר האחרונים הביאו דברי רבינו האר"י זצ"ל".



נאר זיי האבן דאך נישט קיין ברירה קומען זיי אהער"...

פלעגט מיר דער טאטע ז"ל אלעמאל זאגן, אז ער האט געפילט אז דער זיידע ז"ל האט זיי דעמאלס געוואלט "מקשר זיין צום בעל שם"! דערפאר האט ער דאס דערמאנט אז זיי האבן דאך געוואלט פארן אהין, און ממילא האט ער זיי געוואלט מקשר זיין דא וואו זיי זענען.

דער זיידע ז"ל איז דאך געווען "דער פיפטער דור" פונעם בעל שם זי"ע. דער טאטע ז"ל איז געווען דער "זעקסטער דור", דער נאנטסטער אייניקל בדורו.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'האב געוואלט צוקומען צו דאס וואס מ'האט גערעדט אנהייב שמועס: וואס איז געווען דער ביאור אז מ'זאל חתונה מאכן אלס 'קטן'? כ'רעד שוין נישט אלס הלכה, מ'פאלט אריין אין א שאלה פון דברי הלכה און דברי קבלה - אבער ס'האט געמוזט זיין א כוונה דערביי?

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז דא...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** רבי איציקל סקווערער זי"ע האט דאך אויך חתונה געהאט אלס קטן. ווען ער איז נאך געווען א קטן המוטל בעריסה, איז די מאמע זיינע הרבנית ע"ה געקומען צו איר מאן דער טשערנאבלער מגיד זי"ע אז דאס קינד איז ביי א חתונה און ער וויינט און ער שטערט. האט זי געפרעגט דעם טאטן וואס מ'זאל טוהן, צי ס'דא עפעס א לחש וואס מ'קען איהם שטיל מאכן. האט ער געזאגט א לחש וואס מ'זאל איהם אריינרוימען אין אויער און דאס קינד האט אויפגעהערט צו וויינען...

וואס איז געווען דער לחש? ווייזט אויס אז די רביצין איז געווען מיט די נשים און די נשים האבן געזינגען, און דער תינוק המוטל בעריסה האט דאס נישט געקענט סובל זיין צו הערן א קול באשה. האט דער טשערנאבלער מגיד געזאגט מ'זאל זאגן א לחש אז מ'וועט נישט זינגען, וועט ער אויפהערן וויינען, און כך הוה.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, כ'ווייס פון די מעשה.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** קודם זעהט מען דאס זהירות אז אפילו א קינד המוטל בעריסה האט שוין דעמאלס אינזין נישט צו הערן א קול אשה, און נאכדעם דער עצם בארואיגן אליין.

**אדמו"ר שליט"א:** די קינדער פון די צדיקים איז דאך נישט שייך [להשיג קדושתם]..!

**בנו הרמש"י הנ"ל:** ביים טשארטקובער זי"ע איז דאך געווען אז ער האט געוויינט אלס קליין קינד אין וויגל און מ'האט איהם נישט געקענט בארואיגן, וויל מ'האט איהם נישט אנגעטוהן דעם טלית קטן[יד].

---

**יד.** ראה 'תפארת אדם' טשארטקוב (עמ' ד אות ב): "הרבנית הצ' חנה רחל ע"ה בת אחיו הגדול הרה"ק ר' שלום יוסף זצ"ל שנתגדלה אתו ביחד בבית זקנם מרן מרוז'ין זי"ע, סיפרה שבילדותו של מרן [הרד"מ מטשארטקוב] זי"ע היו אחיו הקדושים קוראים לו 'דאס ציצית יודעל'. ושאלה הטעם וסיפרו לה כי המנהג היה בבית מרן מרוזין זי"ע כשנעשה ילד בן שלושים יום היו עושים לו בגד של ארבע כנפות עם


**קופת החסד "מאמר מרדכי" דחסידי סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מפעל החסד מאמר מרדכי סקווירא

~ וויוס"ף הוא המשביר ~

ברגשות הומים, איחולים נעימים, לידידנו עוז העסקן הדגול לילות כימים, משליך נפשו מנגד בכוחות עצומים, לרומם קרן התורה והחסידות בכשרון ובסבר פנים, רודף צדקה ועושה חסד למען אנ"ש בארה"ק בכל הזמנים, מוכן תמיד לעזור ולסייע בלו"נ בכל מיני אופנים, להצלחת מפעל "מאמר מרדכי" ולכל העסקנים, במסירות נאמנה ודעת נבונים

**כש"ת מוה"ר יעקב יוסף גראס הי"ו - מטובי וגדולי גבאי "מאמר מרדכי" בארה"ב**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו יקירו שי' למזלא טבא וגדיא יאה**

**ידידנו הדגול ר' יעקב יוסף שי'! בהאי עידן חדוותא השקט לא נוכל מלהביע המון רגשי הכרת הטוב הגודשים את לבבנו על הכוחות העצומים שמשקיע בלו"נ ללא ליאות לילות כימים להצלחת הקופה**

זכות מרן המאמר מרדכי זצוק"ל עליו יגן וינוח, ותתקיים בו הבטחת אביו הק' זצוק"ל שגם הוא יצליח, ובזכות נועם הליכותיו עוצם מעשיו וגודל פעלו, יתן ה' ואך ששון ושמחה ישמע באהלו, רוב נחת מיו"ח ויהי שלום לכל אשר לו.

המאחלים בלו"נ: **ועד מאמר מרדכי בארה"ב ובארה"ק** / גדול העונה המכיר פעולותיך בכו"פ: **אברהם** ברפ"ש **טווערסקי**

**האדמו"ר מסאדיגורה:** און ווען ס'איז געווען די גרויסע שריפה ל"ע און מ'איז געקומען איהם ארויסנעמען אלס קינד פון זיבן יאר, האט ער געוויזן אז ער קען נישט מפסיק זיין ווייל ער האט שוין געזאגט 'המפיל'...[טו]

**וכיבד את מרן אדמו"ר שליט"א בפירות.**

**האדמו"ר מסאדיגורה** כיבד את רבינו לברך תחילה: כ'בין טאקע כמעט געווארן ווי א קינד אין שטוב ביי ר' בערל, אבער אז דער רבי איז דא...

**אדמו"ר שליט"א:** ר' בערל איז מסכים אז איהר זאלט האבן א דין פון 'בעל הבית'. כאטש ער האט מיר נישט געזאגט אזוי, אבער 'זכין לאדם שלא בפניו (עירובין ז, יא)', בין איך איהם מזכה צו זאגן אז מ'איז בעל הבית..!

**בעל האכסניה הרה"ח ר' בערל ווייס:** אונז האפן אז דער רבי וועט 'מאכן' א ברכה און 'געבן' א ברכה.

**אדמו"ר שליט"א** הפציר שוב שהאדמו"ר יברך תחילה ואמר: כ'וועל יעצט מקיים זיין דעם 'גדול העונה [אמן יותר מן המברך] (ברכות נג:)'... כ'האב נישט געמיינט 'גדול העונה' ווייל כ'וויל זיין דער גדו"ל, נאר כ'וויל אז איהר זאלט קודם א ברכה מאכן, בין איך עס מלביש אין דעם...

**האדמו"ר מסאדיגורה** נעתר וטעם תחילה, ואחר טעימת רבינו ביקש רשות לקחת משיירי רבינו: כ'בעהט רשות צי כ'קען אויך נעמען א שטיקאלע. ואמר רבינו: ס'איז נישט קיין 'שנת בצורת', אבער אויב מ'וויל דוקא...

## <u>בין המצרים כנגד הימים טובים</u>

והראה האדמו"ר מסאדיגורה על שכנו של בעל האכסניה הנדיב בנש"ק מוה"ר דוד הגר שי' באמרו: ער איז פון אונזערע 'משכימים ומעריבים'.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב זייער הנאה געהאט פונעם איידעם [הרה"ג ר' דורון יעקב יעקוביוס שליט"א ר"מ בישיבה גדולה דלוס אנג'לס] און די אייניקלעך וואס לערנען דארט אין חדר [שהיו באכסניית רבינו במאליבא]. כ'האב איהם געזאגט אז כ'בין זיכער אז דער שווער האט אויך הנאה פון איהם, והא ראיה: ווייל די

ציצית. פ"א הזדמן שרבינו בכה הרבה מאוד ולא רצה לינק וגם לא יכל לישון, והמינקת שלא יכלה להשתיקו ולישנו הלכה וקראה את אמו הצדיקת וניסתה גם היא לשחק עמו לנענעו ולפעות לו כדרך שעושים לילדים, אבל הוא בכה בלי הפוגות. פחדה הרבנית באמרה פן הוא חולה ח"ו וצריכים איפה לקרות רופא, אבל לא רצתה לעשות זאת בלי ידיעת בעלה הקדוש. הלכה וסיפרה לו שהילד בוכה ואינה יודעת מה חסר לו. שחק הרה"ק מרוזין זי"ע ואמר: "מען האט אוודאי פארגעסין איהם ארייַנצולייגען דאס לייבצודעקל מיט די ציצית אין די וויקעליך". הלכה הרבנית ומצאה שכן היא והלבישוהו את הארבע כנפות ותיכף פסק מלבכות. מני אז קראוהו אחיו הקדושים 'דאס ציצית יודעל'...".

**טו.** ראה עוד שם: "סיפרו מגידי אמת שבעת שהיה [הרד"מ מטשארטקוב] כבן שבע שנים נפלה דליקה בבית הרה"ק מרוזין באישון לילה. יצא מרן הקדוש מרוזין זי"ע מחדרו ושאל על ילדיו. תיכף נתקבצו כולם סביבו וראה כי אחד איננו הוא מרן זלה"ה. תיכף נכנס אחד מהמשמשים לחדרו ומצאוהו שוכב על מיטתו והוא ער. שאל אותו המשמש האם איננו שומע הרעש כי נפלה דליקה בבית. הראה לו הינוקא קדישא ברמיזא כי אמנם שמע שנפלה דליקה אבל הוא בירך כבר ברכת המפיל ואינו רוצה להפסיק, והראה ברמז כי השי"ת יצילו. הלך המשמש וסיפר זאת לאביו הק' זי"ע, ותיכף נראה כי נכבה האש. אמר מרן הק' מרוזין זי"ע: "אל יפלא בעיניכם אשר נשקעה התבערה בשבילו, כי כתיב (תהלים קמה, יט) 'רצון יראיו יעשה' ובני זה הוא עמוד היראה".

**ביהמ"ד תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - רחוב 44 ב"פ** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ ותרב משאת בנימי"ן ממשאות כולם ~

ברכה רבה ועמוקה בידידות תיערך, לידידנו ומכובדנו העסקן הנלהב והדגול יקר הערך, שמו הטוב ברוך ומבורך, איש חי ורב פעלים בכשרון חכמתו, יומם ולילה תידד מעיניו שנתו, לעמוד לימין המתפללים איש כפי מעלתו, ולעזור ולסייע לכלל ולפרט בכל נשמתו, פועל גדולות ונצורות להצלחת קרן הבנין ברוב טובתו, והכל במאור פניו ונועם מידתו

**כש"ת מוה"ר יוסף בנימין אפפעל הי"ו - חבר ועד קרן הבנין ועסקן נאמן למען השטיבל**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו יקירו שי' למזלא טבא וגדיא יאה**

**ידידנו עוז ר' יוסף בנימין שי'! מלאים אנו התפעלות מול התמסרותך המופלאה בכל לב ונפש לכל צרכי קרן הבנין ובפרט בקביעת משכננו בבנין החדש לקראת ל"ג בעומר שעעל"ט, ולקבץ נדבות העם לחברה קנין ספרים ולצרכי אסיפות מרעים בליל שב"ק ובסעודה שלישית ולכל קדשי השטיבל**

ישלם ה' פעלך משמי מעונה, ומשפע בריכה עליונה, רוב שמחה ונחת ורנה, ותזכה להמשיך בפעולותיך הנאדרים, לעשות חיל במעשיך הנהדרים, ולראות ברכה בכל פעליך הישרים, ובמהרה נזכה לביאת משיחנו בעמוד כהן לאורים.

*המאחלים בלו"נ וברגשי ידידות והכרת הטוב: אברהם דוד בלומינג ומאיר קאהן - בשם כל מתפללי השטיבל*

'דאגה' פון 'מרבה נכסים (אבות ב, ז)' האט ער נישט, פארשטיי איך אז דער שוער העלפט איהם צו אביסל צום פרנסה, איז א סימן אז ער האט אויך הנאה פון איהם און פון די אייניקלעך..! טאקע אזוי, קע"ה. כ'האב דאס געזאגט אין שטוב אויך, נישט נאר יעצט בפניו, אז כ'האב באמת הנאה געהאט פון זיי. כ'האב עדות אויף דעם...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ער האט דאך גרויסע 'זכות אבות'!

**אדמו"ר שליט"א:** יא, זאבליטובער אייניקלעך און וויז'ניצער אייניקלעך.

**מוה"ר דוד הגר:** כ'האב נאך אן איידעם אין ארץ ישראל אויך א גרויסער תלמיד חכם. האט א געוויסער ראש ישיבה מיר געזאגט פאר א ווערטל: "דוד, זאלסט בעסער שנעל בודק זיין דיינע מזוזות!"...

**אדמו"ר שליט"א:** ער האט געמיינט צו זאגן אז אויב איהר האט אזעלכע קינדער, מסתמא האט איר "גוטע" מזוזות וואס דארט שטייט 'ולמדתם אותם את בניכם' און איהר האט דאס מקיים געווען..! מסתמא איז דאס דער פשט, אז איהר וועט קוקן די מזוזות וועט איהר זעהן אז איהר האט זייער לכתחילה'דיגע מזוזות, און ממילא זעהט מען עס ביי די אייניקלעך...

דער איידעם האט מיר געברענגט א ספר אויך: הלכות פון ארץ ישראל און ס'הייסט 'ארץ ישראל'.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אז א איד לערנט הלכות ארץ ישראל אין חוץ לארץ, האט ער התקשרות מיט ארץ ישראל.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'שטייט דאך (מנחות קי.) כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה. מסתמא וועט ער נישט צופרידן זיין אז מ'איז יוצא מיט דעם אליין, אבער ס'העלפט צו...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ביי קרבנות שטייט דאך אויך (הושע יד, ג) 'ונשלמה פרים שפתינו', אז אויב א מענטש קען נישט מקיים זיין די מצוה כתיקונה כהיום, קען מען זיצן אין 'הענקוק פארק' און עס מקיים זיין מיט'ן לערנען.

**אדמו"ר שליט"א:** דער מדרש (במ"ר יח, כא) ברענגט דאך אז משה רבינו האט געפרעגט: רבוש"ע, בזמן שבית המקדש קיים מקריבים קרבנות ומתכפר אבער וואס וועט זיין נאכדעם? האט דער אייבירשטער געענטפערט אז ער האט איבערגעלאזט די הלכות פון קרבנות, און אז מ'איז עוסק בתורה וועט זיין כאילו הקריב.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** דאס זעהט מען דאך אויך פונעם מדרש פליאה (תנחומא, צו יד) אז מ'הייבט אהן לערנען מיט די תינוקות פון אנהייב ויקרא, פארוואס? 'יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים'. זעהט מען אז דער וואס האט א קשר און א שייכות מיט די קרבנות, ווערט נתעלה אסאך העכער.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב עס פונקט דערמאנט דעם פרייטאג צונאכטס פונעם מאור ושמש. ער זאגט א חידוש פון א זאך עה"פ (במדבר כא, יד) על כן ייאמר בספר מלחמות ה' וגו', אז באמת איז דאך 'בכל צרתם לו

~ ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה ~

ברגשות בוערים לבנו יהמה, להביע ברכה מרובה וחמה, בקול מצהלות ובשפה ברורה ובנעימה, מתוך הכרת הטוב מעומק הלב פנימה, אמע"כ החתן החשוב והמהולל במדה רבה ועצומה, שוקד בתורה וחסידות בכל שעות היממה, אהוב למטה ונחמד בשחקים, להרמת קרן חבורתנו מרבה פעלים טובים וצודקים, יומם ולילה כל מעייניו בהתעלות רוחנית עסוקים, דבוק ומקושר בלו"נ לכק רבינו שליט"א באמונת צדיקים, עולה של תורה ויראת שמים מקים

**החתן תמים למעלות כמר אברהם יהושע העשיל אהרנאוויטש נ"ו - מאריות חבורתנו**

**לרגל שמחת ה"שבת אויפרוף" למז"ט בצל-קדשו של כ"ק רבינו שליט"א שחזר במיוחד לקרית מלך רב על שב"ק**

**מה מאוד נגיל ונשיש בעלותו לירושלים על ראש שמחתו בט"ו באב הבעל"ט, ובקירוב לבבות נעלוז ונרקוד בנישואי בריח התיכון של חבורתנו המעטירה כל השנים, אשר השפיע על כולנו בדיבורי חסידות שקלחו מפיו ואסיפות ליל ששי שערך בעצמו מדי פעם לחזקנו ולרוממנו ושימש לנו סמל ודוגמא בלהט אש נשמתו ובנועם מידותיו התרומיות**

בזכות הרבים יה"ר שיעלה הזיווג יפה יפה, על אדני התורה והחסידות הצרופה, מתוך נהורא מעליא ובריות גופא.

*בני חבורת "כולם אהובים" המאחלים בלו"נ: אהרן שפירא, אברהם פרידמאן, אלחנן גרינבערג, דוד ברייער, חיים עזריאל בלום, יחזקאל שרגא ראזנבערג, יודא דוד ברייער, יצחק גרינבערג, יעקב יוסף גרינוואלד, מרדכי בייער, מרדכי פינחס דיאמאנד, מענדיל קויפמאן, משולם זלמן טווערסקי, שלום משה פריעדל / גדול העונה: משה אליעזר סמיט-ראזה"ח*

צר (ישעיה סג, ט)', און ביים אייבירשטן איז דאך (פסחים קיב.) יותר ממה שהעגל רוצה לינוק פרה רוצה להניק, ממילא אויב ס'זענען ח"ו דא מקטרגים אויף א אידן קען מען זיי אנרופן כאילו "זיי פירן א מלחמה מיט'ן אייבירשטן" חס ושלום, וויבאלד ער וויל צונעמען דעם תענוג פונעם אייבירשטן. אזוי זאגט ער דעם לשון! א פלא פון א זאך.

ברענגט ער אז בזמן שביהמ"ק היה קיים האבן די קרבנות מכפר געווען, און יעצט אז ס'נישטא דער ביהמ"ק איז דורכדעם וואס מ'לערנט איז דאך כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, איז דאך דאס מכפר און מבטל די עבירות און ממילא איז עס מבטל די מקטרגים. טייטשט דער מאור ושמש: 'על כן ייאמר' ייאמ"ר איז א לשון (דברים כו, יח) וה' האמיר"ך היום, 'בספר' מיט די תורה ווערן נמתק די מקטרגים וואס זענען מקטרג אויף אידן און מ'קען זיי אנרופן 'מלחמות השם', ווייל כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** יעצט קומט מען אריין בס"ד אין א תקופה [ימי בין המצרים] וואס מיר דארפן אלע האבן אסאך ממליצים לטובה אז דער ענין פון 'כל העוסק' זאל טאקע נתפשט ווערן, און נישט נאר דער 'כל העוסק' נאר אז מ'זאל בפועל קענען מקריב זיין די קרבנות.

**אדמו"ר שליט"א:** אלע ספה"ק ברענגען דאך אז די כ"א יום זענען קעגן די ימים טובים. פונעם רוז'ינער זי"ע שטייט דאס אויך[טז].

**האדמו"ר מסאדיגורה:** א"ך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי (תהלים כג, ו). מ'זאגט עס נאך פונעם ר"ר ברוכ'ל זי"ע

---

**טז.** ראה 'עירין קדישין' השלם (עמ' רנח) שאמר הרה"ק מרוז'ין זי"ע: "אדוני אבי [הרה"ק רבי שלום מפראהבישט] זצ"ל אמר **שמן הג' שבועות שבין המצרים היה יודע איך יהיו אצלו כל הימים טובים**. ואני אומר שהג' שבועות הם כמו אבנים טובות הגדלים תחת הרי חושך, אע"פ שהם בבחינת חושך מכל מקום יש בהם בחינת אור, וכשיעזור השי"ת ויבוא משיח צדקנו ויהיה אור הלבנה כאור החמה אזי יהיו השלושה שבועות ימים טובים, כי **השלושה שבועות הם כנגד שלוש רגלים** [כי כ"א ימי בין המצרים כחשבון ז' ימי פסח, ז' ימי המילואים של חג השבועות וז' ימי חג הסוכות]. השי"ת יודע האמת כי בימי בחרותי שהיה לי כח **הרגשתי בהג' שבועות אור חדש בכל יום**" יעו"ש.

ועיין שם: "מפני מה כל הצדיקים נוסעים בהג' שבועות, וגם הרבי ר' ברוך ז"ל היה נוסע בהג' שבועות. אמנם איתא בכתבי האריז"ל **שהג' שבועות הם כנגד הג' רגלים**, לפי שבהג' שבועות הוא חשכות גדול בעולם כי כל דור שלא נבנה ביהמ"ק בימיו מעלה עליו הכתוב כאילו החריבו וכו' (מדרש תהלים, סוף קלז), ובכל מקום שיש חושך גדול נמצא גם בהחשכות אור באתכסיא רק שהוא מכוסה ומובלע בהחשכות, וכשבא אור מגולה בתוך החשכות מתדבקים בו כל חלקי האור אשר המה באתכסיא בתוך החושך ומאיר בכל מקומות החושך" יעו"ש.

וע"ע שם (עמ' רסב) שהרה"ק מרוז'ין זי"ע אמר פעם בסעודת ר"ח אב: "ראש חודש אב הוא בחינת תשובה מאהבה", וכשראה שמתפלאים ביאר את דבריו כי ידוע **שימי בין המצרים הם כנגד השלוש רגלים**, נמצא ר"ח אב הוא כנגד חג הסוכות שהיא בחינת תשובה מאהבה כידוע. וע"ע שם (עמ' רסו): "הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא אמר: **"דער טאטע** [הרה"ק מרוז'ין] **ז"ל האט גיזאגט בשם ספרים אז כשיבנה ביהמ"ק וועט זיין י"ז בתמוז דער ערשטער טאג יו"ט און תשעה באב דער לעצטער טאג ובאמצע יהיו ימי חול המועד**, און איך זאג אז תשעה באב וועט זיין דער ערשטער טאג יו"ט און י"ז בתמוז דער לעצטער טאג ובאמצע חוה"מ". וע"ע מהרש"א (בכורות ח:).


## לא יסור שבט מיהודייה

ברחשי ידידות והוקרה ברנה ובצהלה, מיטב ברכותי הלבביים אעלה, לידידי ריע כאח לי העסקן הנלהב והמרומם נודע לתהילה, בפז לא יסולא, מדע וחכמה מלא, רודף צדקה וחסד נלהב ומופלא, רב פעלים לתורה ולחסידות, רב תבונה ואיש חמודות, בכל דבר שבקדושה לו עשר ידות, ובמיוחד לחולי ישראל ונשברי לב בכל זמן ועידן ידיו נטויות, חביב ונאהב על הבריות, טוב ומטיב למען הזולת ומוסר נפשו למענם ימים ולילות, מקבל כל אדם בפנים צוהלות

**כש"ת מוה"ר יודא דוד אונגער הי"ו וב"ב** - מגדולי נדיבי הלב ואישי החסד בשיכון

**לרגל השמחה הגדולה במעונו באירוסי בנו יקירו החתן המצויין כמר יצחק נ"ו עב"ג בת ידי"נ מוה"ר ברוך פרידמאן הי"ו גבאי רמבעה"נ**

**אהובי ידידי ר' יודא דוד שי'! אודה ה' בכל לבב על הבשורה המשמחת והמרנינה, אין לתאר ואין לשער את עוצם רגשי השמחה שעלו על כל גדות לבי ההומה, וברוך שומע תפילות עמו ישראל ברחמים שהאזין והקשיב לקול תפילותי וברכותיי כל הימים ובפרט אחר פקידת ציון קדשו של מרנא האוהחה"ק זי"ע בהילולא דיליה, וכעת הכונו לשמחת החתונה ברוב דיצה וחדוה שתיערך אי"ה בירושלים הבנוייה בביאת גואלנו בקרוב ממש!**

ברכותי החמות צרופות להחתן ולההורים בלבבות הומים, יה"ר מלפני שוכן מרומים, שיעלה הזיווג יפה יפה בטוב ובנעימים, לחדוות ימים ושנות עולמים, וירוו תמיד רוב תענוג ונחת דקדושה, במלוא חפניים במדה מרובה וגדושה.

*ידיד נפש לכל המשפחה המאחל בכל לו"נ מריחוק מקום וקירוב לבבות:* ***יצחק אייזיק האלפערט - עמנואל***

אויך.

**אדמו"ר שליט"א:** זיי רעדן דאס אפילו לגבי פרשת פינחס וואס דארט שטייען דאך די מועדים.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** מ'האט אריינגעשטעלט די מועדים אין די פינסטערע טעג, כדי אריינצוברענגען א לעכטיגקייט. אין 'אמרי פנחס' (ח"ב לקוטים אות לט) ברענגען זיי אויך אזוי פון הרה"ק רבי פינחס קוריצער זי"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** דער זרע קודש (דברים) און דער אוהב ישראל (פינחס) ברענגען א לשון אז די טעג וועלן זיין לעתיד לבוא "גרויסע מועדים", נאכמער ווי סתם ימים טובים. ["ימים טובים גדולים ונוראים אשר אין להעריך"]. זיי האבן אלעמאל געפרואווט אריינצולייגן אן המתקה דארט אויך...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** מ'זעהט אז ס'ווערט אן המתקה ב"ה, און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער ס'זאל זיין בשלימות.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'זאל זיין 'הראינו השם חסדך'.

### לימוד אור החיים הקדוש

היינט [ט"ו תמוז] איז דעם אור החיים'ס הילולא אויך.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז באקאנט פונעם הייליגן רוז'ינער זי"ע אז אין די ערשטע תקופה האט מען געקענט האבן דעם כח צו לערנען 'זוהר הקדוש', אבער בזמן הזה וואס די מוחות זענען געווארן שוואכער - איז לערנען 'אור החיים הקדוש' אן המתקה פונקט אזוי א איד וואלט געלערנט זוה"ק.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב עס אמאל דערמאנט אז דער טשארטקובער זי"ע האט עס נאכגעזאגט פונעם רוז'ינער זי"ע, אז היינט איז אור החיים הק' אויך אזוי ווי זוה"ק.

**בנו הרמש"י הנ"ל:** מ'האט געזאגט ביים טשארטקובער זי"ע אז פון וואו האבן די חסידים געוואוסט ווען ער וועט אריינקומען פירן טיש, לויט וויפיל אור החיים הק' ס'דא אויף יענע פרשה...

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב געהערט זאגן אז נאכדעם וואס ער האט נאכגעזאגט דאס ווארט פונעם רוז'ינער, האט ער געזאגט אז "פון דעמאלס לערנט ער טאקע יעדע וואך דעם אור החיים הקדוש".

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אור החיים הקדוש איז א לימוד וואס אלע לערנען, אבער כל זמן מ'לערנט איהם נישט ריכטיג און מ'כאפט נישט דעם דרך הלימוד זיינעם, ווייסט מען נישט וואס ער וויל! איז דאס זייער דומה צו זוהר הקדוש, נאר נאכדעם וואס מ'הייבט אהן מיט די ריכטיגע יסודות קען מען עפעס משיג זיין.

**אדמו"ר שליט"א:** ביי אונז איז געווען אן עלטערער איד וואס האט אסאך מדייק געווען אויף "יעדעס ווארט" פון אור החיים הקדוש: הרה"ח ר' משה גבאי ז"ל. ער האט זייער מדייק געווען אויף יעדעס ווארט.

דער טאטע ז"ל אליין האט אויך מדייק געווען אז דער לשון וואס ער הייבט אהן דעם פירוש "נפתחו השמים


= מודעות ווינקל =

מאור עינים ישמח לב!

אין די טעג האט מען אנגעהויבן דעמה"ה ידידינו הנכבד והמרומם
ספה"ק מאור עינים
דעם דרייצנטן מחזור ביים טעגליכן שיעור פון
הרה"ח ר' משה ברוין שליט"א
יעדע נאכט אין ביהמ"ד הגדול בשעה 10:00
ונזכה כולנו במהרה לאורו

תורתו מגנת לנו היא מאיר"ת עיניכ"ו!




"ואראה מראות אלוקים", ממש דער זעלבער לשון וואס יחזקאל האט אנגעהויבן די נבואה פון 'מעשה מרכבה' (יחזקאל א, א)!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ביי אונז אין בני ברק אין שטיבל [רוז'ין] פלעגן אונז לערנען אור החיים הק' מיט א חבורה פון יונגעלייט און בחורים. איז געווען דארט א איד [הרה"ח ר' אריה גולומב ז"ל] וועלכער איז געווען א סגי נהור ל"ע, און ער האט געקענט אור החיים הקדוש בעל פה "מילה במילה" ישר והפוך! אז א איד האט זיך טועה געווען, האט ער געקענט מעורר זיין: ביסט זיך טועה, דער לשון איז אנדערש... איך האב נאכנישט געזעהן אזוינס.

**הרה"ח ר' דוד משב"ק:** ר' משה גבאי ז"ל האט אויך געקענט אוהחה"ק אויסעוויינינג אויפ'ן לשון. מ'פלעגט איהם אויספרואוון: מ'האט איהם אראפגעלייגט אן אור החיים הק' מיט אויסגעריסענע בלעטער, און ער פלעגט זאגן ווייטער...

**אדמו"ר שליט"א:** אבער כ'זאג לגבי דעם "איכות" אויך, אז ער האט שטארק אזוי באיכות מדייק געווען יעדעס ווארט פון אור החיים הק'.

**הר"ד משב"ק הנ"ל:** ס'איז דא ביי אונז א מכון פון עטליכע יונגעלייט וואס ארבעטן אויס דעם ביאור אויפ'ן אוהחה"ק לויט ר' משה גבאי'ס מהלך, און זיי האבן שוין ארויסגעגיבן עטליכע חלקים.

**אדמו"ר שליט"א:** איינער האט מיר געזאגט אז הרה"ח ר' משה ברוין [ר"מ בישי"ק דפה ותלמיד מובהק להר"מ גבאי ז"ל] איז געווען אויף א צווייטע פלאץ, און מ'האט איהם אויך מפליא געווען וויאזוי ער האט פארגעלערנט אוהחה"ק. דער אייבירשטער זאל העלפן די זכותים זאלן מגין זיין.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז געווען ידוע אז מ'לערנט ביי אונז אור החיים הק' עד היום הזה. ס'איז דא דער ספר 'אור יקר' אויפ'ן אוהחה"ק פון א איד וואס האט געהייסן הרה"ח ר' יצחק מאיר האזנפרץ ז"ל, א סאדיגורער חסיד.

אבער אויפ'ן אוהחה"ק איז אויך דא דער פירוש 'נר למאור' פון הרה"ח ר' ראובן מרגליות ז"ל, א הוסיאטינער חסיד. ער האט נעבעך נישט געלאזט קיין קינדער ל"ע. ווען מ'לערנט מסכת סנהדרין קען מען זיך נישט רירן אהן זיין ספר 'מרגליות הים'. דער איד האט געהאט א פאטאגראפישן מוח און ער האט געשריבן פינעף און זיבעציג ספרים. יעדע מאן דאמר וואס ווערט געבראכט אין ש"ס און די גמרא פירט נישט אויס ווער ס'געווען דער תנא אדער דער אמורא, קומט ר' ראובן מרגליות און ער שטעלט צו אז לויט ווי די גמרא זאגט דא און די גמרא זאגט דארט מוז זיין אז דאס שטימט ווי דער אמורא..! דאס קומט פון "התמדה".

**ר"ד הגר הנ"ל:** ער האט געארבעט אין 'ספריית הרמב"ם' אין תל אביב.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** הג"ר מאיר אריק זצ"ל איז דאך געווען דער גאון הגאונים פונעם דור, און ער שרייבט אן הסכמה אויף רבי ראובן מרגליות אז "כל רז לא אניס ליה", ער האט געקענט יעדע ווארט פון ד' חלקי שו"ע, אלעס האט דער איד געקענט.

כ'בין אנגעקומען צו איהם דורך א מעשה. ווען כ'בין געווען א בחור'ל האב איך געפרעגט אמאל דעם טאטן זצ"ל וועגן דעם ענין פון די מחלוקת וכו' - ס'איז נישט אזוי צו רעדן ברבים. האט דער טאטע מיר געגיבן אזא בליק און געזאגט: "זאלסט וויסן זיין, כ'בין שוין נישט אזא יונגערמאנ'טשיקל און מיום עמדי על דעתי האב


הודעה חשובה!

לאור ריבוי הפונים והמתדפקים לשאול בדבר ה' זו הלכה בימי בין המצרים ותשעת הימים
הוספנו בס"ד עוד כמה דיינים מומחים להשיב כהלכה לאלפי השואלים ע"י הטעלעפאן

**ה"ה הרה"ג יצחק שמעון וואזנער** - דומ"ץ ומב"ג, **הרה"ג ר' אהרן גאלדמינצער** - דומ"ץ ירושלים, **הרה"ג ר' בערל איינהארן** - דומ"ץ ב"פ-12, **והרה"ג ר' שמואל יוסף פריעזעל** - דומ"ץ ב"פ-14

**והברכה אחת לידידנו העסקן הדגול מוה"ר ברוך פרידמאן הי"ו / לאירוסי בתו**
**ובהאי זימנא נעלה על נס את עבודתו להפליא לנקיון הבנין לרווחת הלומדים**

ביקרא דאורייתא: חברי ועד הנהלת "בית הוראה" שע"י קהלתנו הק'

בית הוראה
דקהל צמח דוד
דשיכון סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

איך פון מיין טאטן קיינמאל נישט געהערט רעדן א ווארט וועגן דעם נושא!". ער האט מיר געגיבן א רמז: "וואס דו ווילסט וויסן אמאל, זאלסטו גיין אין ספריית הרמב"ם און אויפזוכן א איד וואס הייסט רבי ראובן מרגליות און ער וועט דיר אנגיסן - אבער פון דעם שטוב האב איך א קבלה אז נישט איך וועל דאס איבערגיבן, און נישט מיינע קינדער עד סוף כל הדורות"...

**בנו הרמש"י הנ"ל:** איינמאל נאך תשליך האט דער זיידע ז"ל געזאגט פאר ר' יצחק אלפסי: "כ'פארצייל דיר א מעשה אבער ס'איז נישט אויף צו דרוקן"...

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט דאך נישט געוואלט אז מ'זאל דרוקן די אלטע זאכן...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ב"ה היינט איז מען זיך שוין משדך. דער זוהן מיינער [הרב אליהו אליקים געציל הנ"ל] איז אויך אן איידעם ביים פאקשוואניצער רבי'ן הגה"צ ר' שלמה הלברשטאם שליט"א.

**אדמו"ר שליט"א:** באבובער אייניקלעך, און זיי זענען טשערנאבלער אייניקלעך אויך [הרה"ק הקדושת ציון מבאבוב היה חתן הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט חתן גיסו הרה"ק רבי מרדכי דוב מהורנוסטייפל]. מיינע קינדער זענען אויך רוז'ינער אייניקלעך און צאנזער אייניקלעך.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז א מחייב. מ'האט געגומען די מעלות פוןביידע צדדים...

**אדמו"ר שליט"א:** מ'דארף זוכה זיין צו דעם...

## <u>כל המתאבל על ירושלים</u>

**האדמו"ר מסאדיגורה:** אין סקווירא האט מען געזעהן שינויים פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, אנדערש פון א גאנץ יאר?

**אדמו"ר שליט"א:** שינויים? די זאכן וואס זענען הלכה ווי מוזיק וכדו' זענען דאך הלכה, אבער מ'האט נישט געארבעט אויף קיין 'עצבות'... מ'האט געזוכט פארקערט!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** לויט די וואס דארפן דאס, דארפן נישט "ארבעטן" אויף עצבות...

**אדמו"ר שליט"א:** אפשר האט מען געפרואווט "ארויסצונעמען" פון עצבות אפילו די וואס דארפן נישט ארבעטן אויף עצבות...

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ביים זיידן [הכנסת מרדכי זצ"ל] האט מען געזעהן א שינוי אז ער פלעגט אנטוהן אנדערע בגדים. די זעלבע סארט קאפעלוש אבער א ישן נושן...

**אדמו"ר שליט"א:** אפילו אין די דריי וואכן אויך?

**האדמו"ר מסאדיגורה:** כ'רעד פון תשעה באב.

**אדמו"ר שליט"א:** תשעה באב איז יא געווען א שינוי אין די בגדים. ס'איז אפילו געווען אביסל א צוריסענע בעקישע און אן אלטע קאפעלוש, אבער נאר אינעם טאג תשעה באב אליין.

אום תשעה באב אליין איז אויך געווען א שטיקל חילוק פון פאר חצות ביז נאך חצות. דער מלבוש איז נאך יא געבליבן דער זעלבער מלבוש, אבער כ'געדענק פון אלס קינד אז ס'איז געווען א גרויסער חילוק: ביינאכט און אינדערפרי ביי קינות כמעט ביז חצות איז מען געזעצן, אבער נאך חצות ווען ער איז אהיימגעקומען איז שוין די פנים געווען אביסל מער רואיגער...

להלכה איז דאך אויך אז נאך חצות קען מען שוין זיצן אויף א הויכע בענקל וכדו'. באמת שטייט דאך אויף תשעה באב אליין אויך (איכה א, טו) קרא עלי מוע"ד. דאס איז די סיבה פארוואס מ'זאגט נישט קיין תחנון אום

ביהמ"ד תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - רחוב 17 ב"פ / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ רנו ושמחו ליעק"ב ~

ברחשי חיבה וידידות יתירה, נביע ברכת מז"ט חמה ונהדרה, אל מע"כ ידידנו בנש"ק האברך כמדרשו ורב תבונה, עוסק בתורה וחסידות בכל עת ועונה, מסור ונתון בלו"נ להגדיל תורה ולהאדירה במסירות נאמנה, מוכתר בכל מדה נכונה

כש"ת מוה"ר יעקב יוסף גראס הי"ו - מראשי "חברת תורה ותפילה" שע"י הזיבעצן שטיבל

לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו חביבו שי' למז"ט

רגשי תודה והוקרה על מסירותו המופלאה בכוחות עצומים להרמת קרן התורה ועמוד התפילה בקרב בית מדרשנו

יה"ר שיגדלו בנקל לשם ולתפארת יפה יפה, על אדני התורה והחסידות הצרופה, בנהורא מעליא ובריות גופא.

המשתתפים בשמחתו ברגשי הערכה והכרת הטוב; גבאי ביהמ"ד - בשם המתפללים והלומדים

תשעה באב, ווייזט אויס אז ס'האט א בחינה פון מוע"ד אויך[יז].

**האדמו"ר מסאדיגורה:** נאך חצות קען מען שוין נעמען דעם שולחן ערוך מיט זיך אויך.

דעם זיידנ'ס טאטע דער קדושת אהרן מסאדיגורא זי"ע איז דאך נעבער אוועק ל"ע אלס יונגערמאן פון זעקס און דרייסיג יאר, אבער מ'האט געזעהן אויף איהם אויסטערלישע הנהגות וכו'. ווערט געברענגט אויף איהם אז וויאזוי האט מען געוואוסט תשעה באב וואו ער איז? מ'איז נאכגעגאנגען א טייך מיט טרערן פונעם ביהמ"ד, ביז מ'איז אנגעקומען צו זיין הויז! 'כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה (תענית ל:)'.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז דא אמאל אן ענין פון 'שכר על הדרישה' און ס'איז דא אמאל אן ענין פון 'שכר על הפרישה' אויך... איבערשטערענגען וואלט איך נישט געוואלט.

**האדמו"ר מסאדיגורה:** ס'איז מיר אזא חשיבות! כ'בין דורך א שווערע תקופה און ב"ה ס'איז בעסער.

**אדמו"ר שליט"א:** נאך א ירידה דארף די עלייה זיין אסאך אסאך מער. די עלייה איז דאך 'יתרון האור', וועט אי"ה זיין אסאך אסאך מער!

**האדמו"ר מסאדיגורה:** לויט ווי כ'זעה האט עס אסאך צוטוהן מיט'ן "מוח". אויב א מענטש זאגט: "איך וועל זיין געזונט", זעהט מען א סיעתא דשמיא. דער אייבירשטער זאל העלפן.

**אדמו"ר שליט"א:** אויב מ'טרעפט א צד החסד גיבט דאך דאס חיזוק. דער תולדות און אסאך חסיד'ישע ספרים ברענגען דאס כמה פעמים פונעם בעל שם זי"ע, אז אפילו ווען ס'איז אזוי שמאל אביסל ח"ו, אויב מ'טרעפט א צד החסד איז דאס די המתקה. זיי ברענגען אז נחום איש גמזו האט נישט סתם אזוי געזאגט 'גם זו לטובה (תענית כא.)', נאר מיט'ן זאגן האט ער עס אזוי ממתיק געווען.

בלוותו החוצה ביקשו רבינו שלא יטרח באמרו: 'הריני כאילו התקבלתי'. וכשאמר האדמו"ר מסאדיגורה: ס'איז דאך א גמרא אין סוף סוטה (מו:), נענה רבינו: דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל אלעס קענען מקיים זיין אויף א לייכטן אופן.

בחוץ אמר ר"ד הגר הנ"ל שביקר עם אביו ר' משה הגר ע"ה אצל רבינו לפני ארבעים שנה, ואביו שוחח אז הרבה עם הרבנית תליט"א. נענה רבינו: כ'געדענק איהם נאך פון מיין חתונה אויך אביסל. כ'געדענק אז מ'האט איהם גערופן 'משה ארטיק' [ע"ש מפעל גלידה וארטיקים שהיה בבעלותו בת"א]... ואמר ר"ד: ס'געווען פיר רבי 'משה הגר'ס אין ארץ ישראל, דריי רבי'ס און איין 'משה ארטיק'...

**האדמו"ר מסאדיגורה** הודה להעסקן מוה"ר שלום בער פישל על אירגון הביקור, ואמר רש"ב שהוא לא השתדל כלום אלא הרבי רצה מעצמו לבוא. רבינו כבר ישב ברכב ונענה מהחלון להאדמו"ר: ר' שלום בער האט געבעטן אז כ'זאל שיקן די קינדער אבער כ'האב געזאגט אז 'מצוה בו יותר מבשלוחו'! אזוי איז געווען די מעשה...

**ובירכו מרן אדמו"ר שליט"א:** אמונה האט מען און יעצט זאל דער אייבירשטער העלפן 'הראינו השם חסדך', מ'זאל זיין געזונט בשלימות און מ'זאל זיך טרעפן מתוך

---

**יז.** ראה 'עירין קדישין' השלם (עמ' רסז): "פעם בתשעה באב נשא הרה"ק מרוז'ין זי"ע ידיו ואמר: 'יהי רצון שתיקח חזרה את המועד הזה שאני וכל בני ישראל אינם חפצים בו'".


והו' בוחן צדיק רואה כליו"ת ולב

באותות יקר ותפארת, נחקוק בבדיל ועופרת, חיים וברכה למשמרת, לידידנו היקר טוב הלב מטיב נגן נודע לשם ולתהילה, איש האשכולות המהולל והמפואר, יפה פרי תואר, אהוב למעלה ונחמד למטה, כתר שם טוב יעטה

**כש"ת מוה"ר מאיר יודא לאפפלער הי"ו - מאריות חבורת השיעור בדף היומי דפה**

**אשריך ידידנו ר' מאיר יודא שי' על שאזרת כגיבור חלציך והתנדבת למעשה נאצל ונשגב של "תרומת כליה" להציל נפש מישראל! מלאים אנו השתוממות מול אצילות רוחך ומסירות נפשך להיות מוכן ומזומן בחפץ לב לעבור ניתוח ולסבול כאבים ולתת מעצמך ומזומנך למען הזולת ובפרט בתקופה קשה זו, ובכך הצטרפת לעשרות גיבורי הרוח מתושבי השיכון!**

בזכות תרומת אחת מהכליות היועצות, תזכה להנעים זמירות בראש כל חוצות, ולרוב תענוג בשמחה ודיצות.

*ידידיו המוקירים ומתפארים ומתגאים אתו; משתתפי שיעורו של הגר"י ברד"ל ברוין בדף היומי*

שמחה געזונטערהייט און ס'זאלן נשפע ווערן די אלע השפעות טובות און חסדים נגלים, בשורות טובות. ונפרדו לשלום.

## בקודש פנימה

❧ ביום שלישי פרשת מטו"מ העבר בשעה 1:30 אחה"צ, ליוו המוני אנ"ש תושבי השיכון למנוחות את האי גברא רבא ויקירא שהיה מפורסם בתורתו וחסידותו, יראתו וחכמתו ושמחתו, מחנך ומנהל מופלא בישיבות ובתי חינוך ברחבי ניו יארק, חוטר מגזע חסידי טוריסק-קוזמיר-חעלים, הרה"ח ר' **מרדכי דוב** ב"ר נפתלי הערץ **ניצליך ז"ל** מחשובי זקני ונכבדי אנשי שלומינו במאנסי שהיה דבוק ומקושר בלו"נ מנעוריו לרבוה"ק לבית סקווירא בעבותות אהבה ואף השתדל לבוא בכל מוצש"ק ל'גוטע וואך' ובכל חודש ל'קידוש לבנה', אשר נתבקש לגנזי מרומים ל"ע אחר תקופת חולי וחולשה ר"ל זקן ושבע ימים בן שמונים ושבע שנים, בהשאירו אחריו ברכה דורות ישרים יראים ושלמים מפארי וחשובי אנ"ש. הלוייתו של הרה"ח ר' **מאטל** ע"ה יצאה תחילה מביתו בבארא פארק שם התגורר בארבע השנים האחרונות ואח"כ מרחבת בית מדרשנו הגדול דפה, והובא למנוחות בבית החיים דפה. **ת.נ.צ.ב.ה.**

❧ בו ביום שלישי כ"ב בתמוז העבר הגיעה הידיעה המרה על פטירתו של האי גאון האי חסיד פה מפיק מרגליות שו"ב מומחה הרב **יעקב** בהג"ר שלום **הלוי אייזן זצ"ל** מגדולי תלמידי החכמים ומחשובי פארי מתפללי בית מדרשנו במאנטריאל זה עשרות בשנים, אשר נתבקש לישיבה של מעלה ל"ע והוא בן שמונים ושש שנות הרבצת תורה לדאבון לב משפחתו והמוני מכיריו ומוקיריו. בשעה 1:15 אחה"צ ליוו המוני אנ"ש במאנטריאל את ארונו של הגה"ח '**רבי יענקל אייזן**' ליד בית מדרשנו שם פיאר את שולחן המזרח בדמותו רבת-ההוד, והובא למנוחות בביה"ח בקרית יואל. **ת.נ.צ.ב.ה.**

❧ בליל רביעי פרשת מטו"מ העעל"ט אחר מעריב במאליבו, נכנסו הרה"ג ר' **יוחנן העניג** שליט"א ראש הכולל החסידי יחיאל יהודה בלאס אנדלזעס והרה"ג ר' **שלמה קליין** שליט"א רב דקהל אור החיים דשם אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

❧ בליל רביעי הנ"ל, נכנס הגאון המפורסם ר' **אליעזר גרוס** שליט"א ראש הישיבה גדולה דלאס אנדלזעס אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

❧ באישון ליל רביעי הנ"ל, הגיע **כ"ק האדמו"ר מסאדיגורה שליט"א** מאכסנייתו בלוס אנדלזעס לביקור-גומלין אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א באכסנייתו במאליבא.

*תוכן השיחות יבוא אי"ה.*

## מבשר ואומר

**שבת שניה באכסניית הקודש במאליבו:**

➢ למעלה ממנין רואי פני המלך התעלו בשב"ק פינחס שעעל"ט במחיצת קדשו של **כ"ק רבינו** בעיירת הנופש בקאליפארניע, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשבת השניה שעברו התפילות והטישן בהתרוממות הנפש. להלן פרטי השבת וסדר הכיבודים: הש"ץ למנחה בערש"ק בשעה 7:45 היה מוה"ר **אלימלך משולם פייש גרינוואלד** שמש בביהמ"ד הגדול דפה, לקבלת שבת הרה"ג ר' **שלום משה איינהארן** חבר בד"צ משפטי צדק

אליכם אישים אקרא
**כבוד ידידיי ומכירי היקרים והחשובים וכל תושבי השיכון הע"י**
ס'איז מיר א זכיה און א כבוד אייך פערזענליך איינצולאדענען אנטייל צו נעמען בגוף ובמאוד ביים
**מסיבת "אהבת ישראל"** - צו העלפן א משפחה דא אין שטעטל אין גאר א שווערן מצב ל"ע
**וואס וועט אי"ה פארקומען פארנט פון מיין הויז 57 גארפילד, מאנטאג נאכט ערב הילולת 'אוהב את הבריות' אהרן הכהן ע"ה פון 9:00 ביז...**
**אייער פערזענליכע השתתפות וועט מיר זיין א שטארקע הנאה!**
בזכות המצוה הגדולה והחשובה זאל איהר געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני רוויחי מתוך שמחה והרחבת הדעת.
*ידידכם המחכה לקבל פניכם: שלום פנחס מאסקאוויטש*

דפה, בעריכת השולה"ט בליל שב"ק בשעה 12:25 כובד הרה"צ רבי **אברהם יהושע העשיל חדב"ן** בברהמ"ז על הכוס, ואחר ריקוד בניגון 'ותמיד נספר תהילתך' וחלוקת תפוחים לכל המשתתפים, ניגנו כהכנה לדא"ח 'וזכנו לקבל שבתות' והרה"ח ר' **פינחס אונגער** פתח בדבר תורה, ובתום נועם אמרותיו הטהורות בשעה 2:15 הזכיר **מרן אד"ש** את הילולת הרה"ק מאוסטראה זי"ע החל בשבוע הבא.

בצפרא דשבתא עבר הרהח ר' **אהרן משב"ק** כש"ץ לפסוד"ז, העסקן מוה"ר **יעקב שלום בער פישל** ל'שוכן עד', למפטיר עלה העסקן מוה"ר **נפתלי לויבער**, **כ"ק רבינו** ניגש למוסף לפני העמוד לרגל הילולת זקנו הרה"ק הרי"י השני מאוסטראה בכ"ג תמוז. בעריכת השולה"ט דעתיקא קדישא בשעה 6:20 אחה"צ כובד הרה"צ רבי **יעקב יוסף** בברהמ"ז, הש"ץ למנחה היה מוה"ר **מרדכי גרינוואלד** שמש ביהמ"ד, לסעודה שלישית נכנס **רבינו** בשעה 9:05 ובהגבה"כ לקידוש כובד פרע"ח החתן **צבי אריה שלום** בהרי"י **טווערסקי**, לברהמ"ז בנש"ק הנגיד מוה"ר **דוד הגר** מלאס אנדזלעס, ולהבדלה חתנו הרב **דורון יעקב יעקוביוס** מגי"ש בישיבה גדולה דלאס אנדזלעס.

**שיעורי יו"ד ע"י רבני בית ההוראה דפה:**

➢ לאור ההצלחה הגדולה בס"ד של סדרת השיעורים היסודיים והבהירים בהלכות טהרה לקבוצות אברכים צעירים שהתקיימו בשנה שעעל"ט כיוזמה ראשונה מסוגה בכל מקהלות החרדים, שיעורים מופלאים ויסודיים המועברים מדי שבועיים ע"י הרבנים הגאונים מורי הצדק **חברי בית ההוראה דשיכון סקווירא** - התבססו והתגבשו שיעורי ההלכה עשר מעלות רמות בימים אלו בעז"ה, כאשר כל **רבני בית ההוראה** מוסרי השיעורים לקבוצות האברכים ישבו לאסיפה מכוננת עם חברי וועד **מפעל אורחות חיים דחסידי סקווירא**, ואחר השקעת הרבה מחשבה והתבוננות הוצגה בס"ד תכנית מפורטת עם סדר לימוד בהיר ומסודר לקראת שנת תשפ"א הבעל"ט. תכנית השיעורים החדשה קובעת אורך הזמן ותוכן ההלכות וההנהגות של כל שיעור דבר דבור על אופניו, ובתחילת כל חודש יתכנסו מורי הצדק יחדיו לעבור ולחזור שנית על תוכן השיעורים הנמסרים בבית ההוראה באופן שוה לכל נפש, בהסברה בהירה באוירה נעימה עם טעימה קלה.

השנה זכו כבר **מאה ושלושים אברכים** צעירים כ"י שבאו לאחרונה בברית הנישואין לשמוע את דבר ה' זו הלכה במסגרת שיעורי הקבוצות המחולקות לעשרה משתתפים בשיעור, ולאורך השנה הקרובה יהיו בעז"ה שבעים שיעורים לפרחי האברכים אשר ישלימו עצמם בעיקרי ההלכה למעשה וגם פרקי הדרכה בדרכי החיים בבהירות עד שיהיו מחודדים בפיהם ומיושבים בליבם פי המוצי"ם שנתמנו בבחינת 'שרי עשרות', כאשר בכל שיעור מקבלים המשתתפים עלון עם תמצית ראשי הפרקים לחזור עליהם ולשמרם, ובכך זוכים האברכים גם לליווי צמוד וקשר תמידי עם מורה ההוראה שלו לכונן את ביתו הנאמן בישראל על אדני התורה והחסידות לשם ולתפארת.

במסגרת **שיעורי ההוראה** הנמסרים מעת לעת **לרבני בית ההוראה**, שמעו הללו לאחרונה שיעור כללי מקיף של שימושא רבא בהלכות טהרה מפי הרה"ג ר' **ישכר דוב איינהארן** דומ"ץ קהילתנו הק' בצוועלפטע שטיבל בב"פ בעל רביד השולחן, וכן בהלכות בין המצרים ותשעת הימים מפי הגה"צ ר' יוסף ישראל אייזנבערגער דומ"ץ קהילתנו הק' בעל שבטי ישראל. ציון דורש אין לה, מכלל דבעי דריש"ה.

~ ויהושע מלא רוח חכמה ~

באהבה ובידידות נאמנה, אביע מקרב ולב כנה, אלפי ברכות נרגשות משמי מעונה, לידידי וחברי היקר ורב תבונה, שוקד בתורה ומתנהג בחסידות בכל עת ועונה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, יראתו קודמת לחכמתו בכשרון והשכל צרופות

**החתן תמים למעלות כמר אברהם יהושע העשיל אהרנאוויטש נ"י** - ממצוייני ישיבתנו הק' דפה

**לרגל שמחת שבת העליה לתורה לקראת יום חתונתו ויום שמחת לבו עב"ג הכלה החשובה והמהוללה שתחי' למזלא טבא**

**בלב מלא רגשי הכרת הטוב על שנות הידידות בין כותלי הישיבה והכולל בהן התענגתי מנועם תורתך יראתך וחסידותך - אתך אני בשמחתך!**

יתן ה' ויעלה הזיווג יפה יפה, ותבנה בית נאמן על אדני התורה והחסידות צרופה, ברוב תענוג ונחת דקדושה בבריות גופא.

ידידך עוז המאחל בלו"ן ובשמחה רבה ; ב.א.ל

**חגיגת סיום הש"ס:**

➢ ברוב התרוממות והתרגשות נחגגה שמחת **"סיום הש"ס"** ע"י האברך החשוב שלשלת היוחסין הרב **שמעון דוב** בראו"צ **טווערסקי** מחשובי אברכי אנ"ש במאנסי ומצוייני לומדי כולל הוראה שע"י מרכז הכוללים פה בשיכון. סעודת המצוה לרגל גמרו של תלמוד בבלי נערכה ביום א' שלח העעל"ט בבית זקנו הגה"צ ר' **שלמה פינחס מלוביצקי** אבד"ק סלאנים מאנסי בראשות **בני כ"ק רבינו**, ונשאו מדברותיהם הסבים **כ"ק האדמו"ר מלויעב-טשערנאביל** והרה"ג ר' **שלמה אליעזר ברוינשטיין** מרה"כ אמת ואמונה וויזשניץ-מאנסי שהביעו שבח והודיה לה' על ערוגת הבושם שצמחה בגן ההדסים שלהם בזכות אבוה"ק.

כן נשמעו דברי ברכה ותהילה מפי הרה"ג ר' **אברהם ישעי' סג"ל וואזנער** מרה"כ הוראה דפה שהפליא את שקידת המסיים הרש"ד למד במשך י"א שנה גפ"ת בעיון מעמיק עם חברותות וחלק גדול עם מבחני 'דרשו' ו'שארית לפינחס' בע"פ, ומפי ידידו הרה"ג ר' **יעקב יוסף** בר"ה **פאל** שהמליץ עליו הפסוק 'טוב אחרית דבר מראשיתו' שמה שהגיע עד הלום הכל בכח התמדתו ויראתו משחר נעוריו וגם ממה שראה מראשית האבות ויחוסו רם המעלה. בדרוש ה'הדרן' שלאחר סיום הש"ס ציין בעל השמחה הרב **שמעון דוב** בין השאר כי שמחת ההצלחה והסיפוק באה דוקא ע"י היגיעה והקשיים במשך תקופת הלימוד, ואח"כ קמו חבריו וידידיו לריקוד נלהב לכבודה של תורה.





Sponsored By:

צוות העובדים אין טעם עדן בעקערי

לכבוד השמחה שבמעונו פון

מו"ה **ישראל יודא סיגלער** הי"ו

באירוסו בתו למזל טוב

TAM EDEN BAKERY טעם עדן

TAAM EDEN HEIMISHE BAKERY

גליון 29 אנ"ש


גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הדגול **מוה"ר יונה בוקסבוים הי"ו** ממאנטריאל

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בתו היקרה שתחי' למזלא טבא וגדיא יאה**

ירוה רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ב"ה

# אנכי אנכי הוא מנחמכם!

עיני עיני יורדה מים על אבידת איש חסיד מובהק מורם מעם בתורתו, בתפלותיו, בחסידותו, בדקדוק הלכה, בדקדוק מנהגים, בשבתותיו, באמונתו ובטחונו, באמונת צדיקים האיתן, באהבת חברים, בגמילות חסדיו, בטהרתו, בפרישותו, בנקיון כפיו, במדותיו הנפלאים והנעלים, בצדקת פזרונו, והצנע לכת

**נפש נקי וצדיק**

# רבי אריה שמואל ע"ה ב"ר משולם שי' דייטש

**דוגמא חי של "סקווירא חסיד"**

שנלקח מאתנו ביום כ"ג סיון פתאום ביחד עם נוו"ב הצנועה והצדקנית שמסרה את עצמה על חינוך צאצאיה לתורה ויראת שמים וחסידות **מרת אסתר ע"ה ב"ר משה שיחי'**, ובתו הצנועה והכשירה הבתולה שעלתה על כולנה בשם טוב **ציפורה ב"ר אריה שמואל ע"ה.**

ושבר על שבר בת עמי חתנו האהוב לכל, תמים וגאון במעשיו הנפלאים, נשמה יקרה מאוד, **ר' שלמה ע"ה ב"ר יוחנן שי' בירנהאק**, ככלות השלשים לפטירתו הם הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות על אבידת הנוראות ועל היתומים ומשפחות הנשברות, ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך, ובאמונה שהכל לטובה.

ר' ארי' שמואל! מי יגלה עפר מעיניך לראות משפחתך החשובה שי' ובראשם בנך החשוב והנערץ, מבני עליה והמה מועטים, דבוק בתורה ובחסידות כאוות נפשך, **כש"ת מוה"ר יחיאל מיכל ברוך שי'**, ואתו עמו אחיו בדומה לו הבחור המופלא המקדש שם שמים בהליכותיו **כמר חיים שי'** - **"שני יהלומים בכתרו של סקווירא"** ואחיהם הקטנים הילדים הרכים ה"ה **יעקב יוסף ושלמה בנימין הלל שיחיו** ויתגדלו לתורה ויראת שמים וחסידות מתוך כל טוב, שהם **ואחיותיהם תחי'** מפליאים כל רואיהם בבטחונן בה', ובהתחזקם והתאמצם להמשיך דרכיך הישרים והנכונים. רק בעיזבון עשיר ויקר כזה יכולים לילך כה פתאום לישיבה של מעלה!

נשמתך ונשמות היקרות כולם צרורים בצרור החיים בגן עדן העליון ליהנות מזיו השכינה, ואנו מתוך בכי רב, ותפילות חמות, והשתתפות תמידית, ולילות נעורות, מתחזקים בכל משפחתך, אביך ואמך שליט"א, חותנך וחמותך שליט"א, וכל משפחת דייטש ובערגער המעטירות, וכל תושבי השיכון, ומתנחמים בנחמות המקום שינחם אותם ואותנו בתוך אבלי ציון וירושלים בעגלא ובזמן קריב ונאמר אמן.

**החותם בדמע ומעתיר בעדכם מאוד מעמקי הלב**
**ומתחזק בשמחה ובאמונה על העתיד הקרוב המזהיר**